בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

בְּשַׁלַּח

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**ווען מען לעבט מיטן אייבערשטן ווערן בטל אלע דינים.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת בא, כ"ט טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דו ווייסט אודאי דעם ווארט וואס מען לערנט מיט די קינדער אין חדר אין די וואכעדיגע סדרה: "בא אל פרעה", אז דער אייבערשטער זאגט פאר משה רבינו: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה - קום צו פרעה", לכאורה וואלט ווען דער אייבערשטער געדארפט זאגן: "לֵךְ אֶל פַּרְעֹה - גיי צו פרעה"? נאר דער פשט איז אז דער אייבערשטער זאגט פאר משה רבינו: "קום מיט מיר, איך בין דאך איבעראל, אפילו ביי פרעה אין פאלאץ געפון איך זיך אויך; דאס לערנט אונז אז מיר זאלן שטענדיג געדענקען אז דער אייבערשטער איז איבעראל און מיר זאלן נישט מורא האבן פון גארנישט אויף דער וועלט.

איך זוך נישט צו שרייבן תורות, איך וויל פשוט אז דו זאלסט ארויס גיין פון דיין קטנות הדעת, פון טראכטן א גאנצן טאג: 'וואס גייט זיין?' בשעת אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און ער געפונט זיך איבעראל, דער אייבערשטער איז דער זן ומפרנס לכל, ער געבט פרנסה פאר יעדן איינעם און ער געבט לעבן פאר יעדן איינעם, מען דארף זיך נאר איבער געבן צו אים און וויסן אז 'אלעס וואס גייט אריבער אויף מיר איז פאר מיין טובה'.

נעם אריין אין דיר די אמונה; חזר זיך איין: 'אלעס איז דער אייבערשטער', וועסטו פטור ווערן פון אלע שלעכטס.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (סנהדרין סז:): א כישוף מאכער'ן האט אמאל געוואלט מאכן כישוף אויפן הייליגן אמורא רבי חנינא, האט איר רבי חנינא געזאגט: "אִי מִסְתַּיְּיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דו קענסט פרובירן מאכן כישוף וויפיל דו ווילסט איך האב אבער נישט מורא פון דיר, ווייל עס שטייט אין די תורה (דברים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן; זעט מען פון דעם אז ווען מען לעבט מיטן אייבערשטן ווערן בטל אלע דינים און אלע כישוף.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**עס שטעכט ביים הארץ צו זען ווי אידישע קינדער קריגן זיך.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת בא, כ"ט טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אנשטאט דו זאלסט מיר שרייבן לשון הרע אויף דעם און אויף יענעם שרייב מיר ענדערש דיינע סיומים; שרייב מיר וויפיל דו לערנסט און וויפיל צייט דו ביסט זיך מתבודד וכו'.

איך וויל נישט קיין מחלוקת, און איך וועל נישט צו לאזן עס זאל מחלוקת אין אונזערע ד' אמות; איך וועל זיכער מאכן אז אונזערע ד' אמות איז ריין פון מחלוקות.

שרייב מיר וויפיל אידן דו האסט היינט מחי' געווען מיט ספרים און קונטרסים; עס איז מיר נמאס צו הערן שלעכטס פון דעם און פון יענעם, איך האב נישט קיין כח פאר קריגערייען.

דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט: **"ווען איך זע צוויי 'טרעגערס' קריגן זיך, שטעכט עס מיר ביי די זייט"**; מיר שטעכט ביים הארץ צו זען ווי אידישע קינדער האבן זיך פיינט.

איך ווארט צו זען גוטע זאכן אין דיינע בריוון.

...

~~~~~~~~~~

**אז דו פאררופסט זיך אלץ א תלמיד היכל הקודש זאלסטו ליב האבן יעדן איד און קוקן גוט אויף יעדן איד.**

בעזרת ה' יתברך - א' פרשת בא, כ"ט טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר זייער שטארק בעטן א פערזענליכע טובה: "מאך נישט קיין מחלוקת צווישן מיינע תלמידים!"

דו ווייסט זייער גוט אז איך האב פון זיך אלעס אוועק געגעבן פאר דיר, אז דו זאלסט האבן א גוט לעבן און דו זאלסט וויסן פון די זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן. יעצט ווען דו האסט זיך שוין שיין מסדר געווען אין לעבן; האסט חתונה געהאט און דו ווייסט ווי אזוי צו לעבן מיט דיין ווייב וכו', בעט איך דיר אביסל הכרת הטוב: זאלסט נישט מאכן קיין פירוד צווישן מיינע תלמידים; איך האב ליב אלע מיינע תלמידים און איך
~~~~~~~~~~

וויל עס זאל זיין ליבשאפט צווישן ענק אלע, אויב וועסטו פיינט האבן א צווייטן וועסטו מיר גורם גרויס צער.

איך האב מבטיח געווען פאר מוהרא"ש זכרונו לברכה אז איך וועל נישט האבן קיין שייכות מיט מחלוקת; בפרט מחלוקת ביי זיין פלאץ - 'היכל הקודש', און אז איך האב דאס צוגעזאגט וועל איך דאס מקיים זיין מיט מסירות נפש.

פאר איך בין מקורב געווארן אין 'היכל הקודש' האב איך נישט פארשטאנען וואס איז אזוי שלעכט מיט מחלוקת, למעשה היינט צו טאגס קען איך נישט ליידן קיין מחלוקת. איך האב דאס מקבל געווען פון מוהרא"ש, ווי ער האט זיך געבעטן צו אונז זיין גאנץ לעבן מיר זאלן נישט האבן קיין שייכות מיט קיין מחלוקת.

דערפאר בעט איך דיר זייער: "האב רחמנות אויף מיר און הרג'ע מיר נישט", איך וועל דיר נישט מוחל זיין אויף דעם נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענע וועלט; קיינער באצווינגט נישט קיינעם צו זיין דא און צו זיין א חלק פון אונזער חבורה, אבער דאס קען איך יא פארלאנגען און באצווינגען: "אז דו דרייסט זיך ביי מיר זאלסטו נישט פיינט האבן קיין שום איד אויף דער וועלט".

איך האב אסאך תלמידים וואס האבן געלערנט ביי אונז אין ישיבה און שפעטער האבן זיי זיך מסדר געווען אין אנדערע פלעצער וואו זיי זענען זייער שיין מצליח - יעדער אויף זיין אופן. אז דו ווילסט ווייטער האבן שייכות מיט מיר, אז דו פאררופסט זיך אלץ א תלמיד היכל הקודש זאלסטו ליב האבן יעדן איד און קוקן גוט אויף יעדן איד.

איך עקל מיר פון מחלוקת און איך נעם עס צום הארצן; רבי נתן האט געזאגט: "ווען איך זע צוויי 'טרעגערס' קריגן זיך, שטעכט עס מיר ביי די זייט"; איך פארשטיי אז דאס איז א זאך וואס דארף יעדן איינעם שטעכן. מיר שטעכט אויך ווען איך זע ווי מען קריגט זיך, עס שטעכט מיר אין הארץ.

איך מוז מקצר זיין.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**דער רבי לערנט אויס מען זאל לעבן מיט אמונה און גלייבן אז גארנישט פאסירט נישט פון זיך אליינס.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער מיין טייערער ..., אפילו עס גייט אריבער אויף דיר שווערע צייטן, דו שפירסט ביי זיך עס איז עק איז וועלט וכו׳, דאך זאלסטו זיך נישט פארלירן און חס ושלום נישט האבן קיין קשיות אויף די אמונה, נאר גלייב באמונה שלימה אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז לטובתך.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (מדרש שוחר טוב, קיח): אויפן פסוק (תהלים קיח, כא): ״אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי לִי לִישׁוּעָה״, אז עס איז געווען א איד וואס האט זיך געגרייט צו פארן אריבער דעם ים מאכן געשעפטן אין פארקויפן זיין סחורה, ער האט איינגעקויפט אסאך סחורה און ער האט אויך מיט גענומען עטליכע שותפים כדי צו קענען פארדינען אסאך געלט. ווען מען האט זיך ארויסגעלאזט צו פארן האט ער באקומען הויך פיבער וואס צוליב דעם האט ער נישט געקענט מיט פארן, זענען די אנדערע שותפים אליינס ארויס געפארן אויפן לאנגן וועג און מען האט אים איבער געלאזט. האט ער געזאגט פארן אייבערשטן: ״רבונו של עולם מה עוונותי וחטאתי אז דאס האט מיר פאסירט?״ און ער האט נישט געקענט אויסהאלטן די צער, עס האט אים זייער וויי געטון פארוואס פונקט ער וואס ער איז אזוי ערליך וכו׳ דארף איבער בלייבן און קען נישט מיטגיין. אפאר טעג שפעטער האט ער געהערט אז אלע רייזנדע אויפן שיף זענען אומגעקומען פון א רויבעריי, מען האט זיי אלע גע׳הרג׳ט רחמנא לצלן און נאר ער איז געבליבן לעבן. האט ער אנגעפאנגען דאנקען דעם אייבערשטן (ישעיהו יב, א): ״אוֹדְךָ ה׳ כִּי אָנַפְתָּ בִּי, יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ׳נַחֲמֵנִ׳י״, איך דאנק דיר אייבערשטער אז דו האסט אויף מיר געצערנט און מיר דערנאך געטרייסט.

אין דעם פסוק איז מרומז דעם הייליגן רבינ׳ס נאמען וּתְ׳נַחֲמֵנִ׳י; ווייל דער רבי לערנט אויס מען זאל לעבן מיט אמונה און גלייבן אז גארנישט פאסירט נישט פון זיך אליינס, נאר דער אייבערשטער איז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט זיך געמאכט א ניגון אויף די ווערטער אלץ בחור ווען ער פלעגט גיין אין וואלד רעדן צום אייבערשטן; ער האט מורא געהאט צו זיין אליינס אין וואלד, האט ער זיך אונטער געזינגען די ווערטער: ״מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה

שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם״, ער האט דאס גע׳חזר׳ט אן א שיעור, ביז ער האט שוין נישט געהאט קיין שום פחד פון קיינעם. פון דעם איז געווארן די שיינע ניגון אויף די ווערטער.

דאס דארפן מיר נאך טון, זיך אונטער זינגען טאג און נאכט: ״מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין״, אזוי וועלן מיר זיין פריילך.

איך דארף אריין לויפן צו די בחורים; א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

**נישט רייכערן אינעם בנין.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

זיי נישט ברוגז אז דער מלמד ... האט געשריגן אויף דיר דו זאלסט נישט רייכערן אינעם בנין פונעם תלמוד תורה; זיי אים דן לכף זכות, עס שטערט פאר די קינדער און פאר די מלמדים ווען מען רייכערט אינעם בנין.

דעריבער בעט איך דיר אז פון היינט אין ווייטער זאלסטו נישט רייכערן אינעם בנין וואו די קינדער לערנען, אויך זאלסטו איבער געבן פאר אלע דיינע חברים וואס רייכערן אז זיי זאלן נישט רייכערן אינעם בנין און אפילו נישט אינדרויסן פונעם בנין.

שטארק דיר ווייטער מיט הפצה; טראג שטענדיג מיט זיך א זעקל ספרים און קונטרסים, און ווען דו טרעפסט א איד זאלסטו יענעם מחי׳ זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**נאר זיין גוט צו יעדן איינעם**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו פרעגסט מיר וואס דו קענסט מיר צוריק טון פאר אלעס גוטס וואס דו באקומסט וכו׳; אז דו וועסט טון חסד פאר א צווייטן מיט דעם וועסטו מיט מחי׳ זיין. איך קען נישט סובל זיין די וואס מאכן מחלוקות, זאלסטו זען נישט צו האבן קיין שום שייכות

מיט איינער וואס טוט ווי א צווייטן איד; דו זאלסט נאר טון גוטס און נאר זיין פאזעטיוו צו אלעמען. געב א גוט ווארט פאר יעדן איינעם וועסטו מיר אויפלעבן.

זע צו לערנען לכל הפחות א דף גמרא יעדן טאג, וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**נאר תורה בלייבט פונעם מענטש.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

מיין גאנצע חיות איז ווען איך זע דיר שבת זיצן און לערנען בהתמדה דיינע שיעורים כסדרן אין בבלי, ירושלמי און תוספתא; דאס בלייבט פונעם מענטש, אלעס אנדערש איז דמיונות.

איך בעט דיר טייערער ברודער, האלט זיך ווייטער שטארק מיט דיין עבודת ה׳; סיי מיט׳ן דאווענען און סיי מיט׳ן לערנען. נאך אביסל וועסטו זען גרויסע נסים וואס דער אייבערשטער וועט מיט דיר מאכן.

איך דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**מאכט חתונה אייער זון באצייטנס.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מו״ה ... הי״ו.**

איך שרייב אייך דעם בריוו אויפן בקשה פון אייער זון, הבחור ... נרו יאיר.

ער וויינט צו מיר אז ער האלט עס מער נישט אויס און ער וויל חתונה האבן.

ער זאגט מיר אז זיין גאנצע אידישקייט הענגט אויף א האר וד״ל, און ער בעט מיר נאכאנאנד איך זאל רעדן מיט אייך, און אייך בעטן איר זאלט אים חתונה מאכן. ער זאגט אז מען טראגט אן שידוכים, גוטע שידוכים אבער מען וויל נישט אויסהערן, און ער שעמט זיך צו רעדן מיט אייך און מיט אייער ווייב.

ער איז פריער דא געווען און אזוי ביטערליך געוויינט אז די ווענט האבן מיט געוויינט; ער זאגט מיר: "מיין טאטע מאמע ווייסן נישט וואס פאר א ביטערע נסיונות איך מאך מיט, איך קען מער נישט!" - האט ער געכליפערט.

דעריבער בעט איך אייך: "האט'ס רחמנות אויף אייער בחור און לאזט אים חתונה האבן; זאגט'ס נישט אפ קיין שידוכים, ווייל אז איר וועט ווארטן וועט איר אלעס פארלירן".

קוקט'ס אייך אום וואס גייט היינט פאר, וויפיל בחורים און מיידלעך פאלן אוועק פון אידישקייט. מען האט נישט געוויסט פאר דעם אז זיי גייען אפלאזן אידישקייט און מען האט זיי נישט אויסגעהערט, מען האט זיי אויך געזאגט אז זיי מאכן זיך וכו'.

זייט'ס נישט ברוגז אויף מיר פארן שרייבן דעם בריוו, איך וויל נאר איר זאלט האבן נחת. איך האב נישט קיין שום נגיעה נאר צו ראטעווען אייער זון.

...

~~~~~~~~~~

**אייער רפואה ליגט אין אייער אייגענע הענט**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער ערשטע בריוו און אויך אייער צווייטע בריוו.

אייער ישועה ליגט אין אייער הענט; נאר איר אליינס קענט זיך ארויס דרייען פון אייער שווערע מצב, איר דארפט זיך נאר איבער געבן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער האט אייך געגעבן אזא שיינע לעבן, איר האט א וואונדערליכע מאן, א ערליכער איד, א ירא שמים, א מתמיד, באשאנקען מיט גוטע מידות און איר האט ליכטיגע קינדער; פארוואס זאלט איר נישט קוקן אויף די חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אייך? פארוואס זאלט איר זיך פייניגן מיט שלעכטע מחשבות און א גאנצן טאג טראכטן: 'וואס גייט זיין?' 'אפשר גיי איך שטארבן?' 'אפשר האב איך יענע מחלה חס ושלום?' דאס טרייבט אריין אין אייך אומזיסטיגע שרעק, עדי כדי כך אז אייער לעבן שטעלט זיך אפ.

וויסן זאלט איר אז אייער רפואה ליגט אין אייער הענט; אז איר וועט אריין נעמען אין זיך דעם אייבערשטן וועט אייך גוט זיין. חזר'ט צו זיך די ווערטער: **"גארנישט קען פאסירן מיט מיר אן דעם אייבערשטן; איך לעב - נאר ווייל דער אייבערשטער מאכט**
~~~~~~~~~~

**מיר לעבן, איך אטעם - נאר ווייל דער אייבערשטער גיבט מיר לופט צו אטעמען; אלעס וואס איך האב קומט נאר פונעם אייבערשטן".**

**אז איר וועט זיך חזר'ן די אמונה וועט איר שפירן א זיסע טעם אין לעבן; יעדעס מאל עס קומט אין אייך אריין א שרעקעדיגע מחשבה זאלט איר עס נישט אוועק שטופן - ווייל עס וועט אייך נאר ווערן ערגער, נאר איר זאלט עס אויסרעדן צום אייבערשטן.**

**למשל, איר שרייבט מיר אז זייט אייער ... עליה השלום איז אוועק, ווארפט איר זיך פאר שרעק אז אפשר גייט איר אויך האבן יענע מחלה און שטארבן השם ירחם; ווען עס כאפט אייך אן אזא מחשבה זאלט איר גלייך בעטן שטילערהייט: "הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל נישט האבן די ביטערע מחלה און קיין שום מחלה"; אזוי אויך ווען עס קומט אריין אין אייער געדאנק סיי וואס פאר א שלעכטע מחשבה זאלט איר עס נישט אוועק שטופן ווייל עס וועט ווערן אסאך ערגער. אזוי ווי דער רבי זאגט** (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן עב) **אז ווי מער מען שטופט אוועק נעגעטיווע מחשבות אלץ מער ווערן זיי שטערקער; נאר גלייך ווען עס קומט אריין אין אייך א שלעכטע מחשבה זאלט איר מאכן פון דעם א תפילה.**

**איך שיק אייך א תפילה וואס איר זאלט בעטן יעדן טאג, און ווען איר וועקט זיך אויף ביינאכט, אנשטאט לויפן צו אייער מאן און אים אויפוועקן יעדע נאכט ווען ער קען אייך סיי ווי נישט העלפן, ער קען נאר מיט וויינען מיט אייך, זאלט איר נעמען די תפילה און בעטן דעם אייבערשטן, דורכדעם וועט איר האבן א גאנצע רפואה.**

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין דֶערשְׁרָאקְן פוּן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס בּוּזשֶׁעוֶוען אִין מִיר. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מַיינֶע כּוֹחוֹת לָאזְן זִיךְ אוּיס; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף גָארְנִישְׁט און אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט, עֶס פַּיינִיגְן מִיר מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אָן אוֹיפְהֶער.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער וָואס גִיבְט שֵׂכֶל און פַארְשְׁטַאנְד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס דְרֵיידְט מִיר אַ קָאפּ, און אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר און פוּן דַיינֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.**

**יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת הוֹשִׁיעָה נָא! הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט פִּיזִיש און גֵייסְטִיש; אִיךְ זָאל קֶענֶען טְרַאכְטְן גְרָאד און וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוּיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַז דוּ בִּיסְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט.**

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי מִיר דִי בְּרָכָה וָואס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (דְּבָרִים ז, טו): "וְהֵסִיר ה' מִמְּךָ כָּל חֹלִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן עֶנְק אַלֶע קְרֶענְק; וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת יד, ג): 'זֶה רַעֲיוֹן' אַז דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם 'רַעֲיוֹן', אַזוֹי וִוי רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים כח, מח): "וְנָתַן עֹל בַּרְזֶל עַל צַוָּארֶךָ - זֶה הָרַעֲיוֹן". ווייל וֶוען מֶען הָאט דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת שְׁפִּירְט דָאס פַארְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אַ שְׁוֶוערֶע אַייזְן לִיגְט אוֹיף זַיין הַאלְז, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דְרוּק אוּן דִמְיוֹנוֹת רַחְמָנָא לִצְּלָן. בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, נֶעם אַרָאפּ פוּן מִיר דֶעם עוֹל בַּרְזֶל, דִי דִמְיוֹנוֹת אוּן פְּחָדִים וָואס הוֹיעֶרְן אוֹיף מִיר; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן: בִּזְכוּת רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רַבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

איך בעט אייך זייער, יעדעס מאל ווען עס קומען צו גיין די שווארצע מחשבות, די קליפות כאפן זיך אריין אין אייך, זאלט איר נעמען די תפילה און דאס זאגן שטייט און קלאר, אזוי וועלן אוועק גיין פון אייך אלע אומזיסטיגע שרעק.

...

~~~~~~~~~~

שפירט דערווייטערט פון די ישיבה.

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; בזכות די צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע ענינים.

דו האסט מיר נעכטן געזאגט אז דו שפירסט זיך דערווייטערט פון ישיבה וכו'.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי פאה א, א) אויפן פסוק (דברים לב, מז): "כִּי לֹא דָבָר רֵק הוּא מִכֶּם - וְאִם הוּא רֵיק - מִכֶּם", איז דאס פון ענק; דאס ווענדט זיך אין דיר אליינס. אסאך תלמידים שפירן אזא הרגשה נאכדעם וואס זיי גייען ארויס פון ישיבה, זיי דארפן עוסק זיין אין ברענגען פרנסה, ממילא קומט מען ווייניגער ארויף, הייבט מען זיך אן שפירן דערווייטערט, אבער דאס האט נאר מיט'ן מענטש אליינס.

דערפאר גיב איך דיר אן עצה, דו זאלסט עוסק אין הפצה; זאלסט מפיץ זיין פאר אידישע קינדער דעם רבינ'ס עצות, אזוי וועסטו זיין מחובר.
~~~~~~~~~~

קוק גוט וועסטו זען אז די אלע "תלמידי היכל הקודש" וואס האבן גענומען "הפצה" פאר זייער לעבן, די אלע זענען פריש און ניי.

איך האב דאס געזען ביי די פטירה פון מוהרא"ש זכר צדיק וקדוש לברכה; די אלע תלמידים וואס זענען עוסק אין הפצה זענען נישט צעטומלט געווארן פון גארנישט, ביי די לוי' אליינס זענען זיי געגאנגען הפצה.

אבער די אלע וואס זענען בבחינת מקבלים זענען געווארן אזוי צעבראכן, אפילו היינט ווען עס איז שוין אריבער אפאר יאר זייט די הסתלקות פון מוהרא"ש זענען זיי נאך אלץ בעצבות - ה' ישמרינו.

זיי א משפיע וועסטו שטענדיג זיין פריש און באהאפן צום רבי'ן.

...

~~~~~~~~~~~

לערנען שלחן ערוך הקטנים.

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע ענינים.

איך גיב דיר א מתנה א סעט שלחן ערוך הקטנים; עס איז דא די "שלחן ערוך הגדולים", וואס האט אלע נושאי כלים, נאכדעם איז דא די שלחן ערוך הקטנים וואס איז בלויז "מחבר און רמ"א"; זע צו לערנען יעדן טאג לכל הפחות איין סעיף, אזוי ווי דער רבי האט אונז געהייסן, אז יעדער איד איז מחויב צו לערנען יעדן טאג הלכה (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן כט).

איך האב זייער הנאה געהאט צו זיין מיט דיר שבת, דו האסט טייערע קינדער און א וואוילע ווייב; דו האסט מיר אזוי שטארק מחי' געווען ווען דו האסט מיר דערציילט אז דו האסט פארמאכט דיין סאושעל מידיע אקאונט זייט דו האסט געזען דעם קליפ פון "געוואלד טאטע'ס און מאמע'ס", און דו פארברענגסט מער אין שטוב מיט דיין משפחה.

איך דאנק דיר פאר דיין שטענדיגע הילף פאר'ן שטיין צו די מוסדות מיט א ווארימע הארץ; דאס אלעס וועט דיר צוניץ קומען אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.
~~~~~~~~~~~

געוואוין זיך צו זיך אויסצורעדן דיין הארץ צום אייבערשטן; גיי יעדן טאג אינדערפרי א שפאציר און שמועס דיר אויס דיין הארץ צום אייבערשטן. דערצייל אים אלעס וואס דו טוסט, זיי זיך מתוודה אויף אלעס מיט וואס דער יצר הרע איז דיר מכשיל, און בעט אים אויף ווייטער.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~

**עס איז נישט גוט צו מקנא זיין א צווייטן.**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

געוואוין זיך צו נישט צו קוקן אויף קיינעם אויף דער וועלט; עס איז נישט גוט צו מקנא זיין א צווייטן, אויך איז עס נאריש, ווייל יעדע מענטש האט זיינע שוועריקייטן, עס איז נישט דא אויף דער וועלט א מענטש וואס מאכט נישט מיט זיינע שוועריקייטן - איז דאך נישט שייך בכלל צו מקנא זיין א צווייטן. מקנא זיין דארפן מיר נאר אן ערליכער איד, וואס עס גייט דורך אויף אים שווערע ביטערע נסיונות און מיט דעם אלעס דערהאלט ער זיך און ער גייט ווייטער אן מיט זיין עבודת השם.

עס איז כדאי דו זאלסט לערנען די מעשה וואס דער רבי האט אונז דערציילט, די מעשה פונעם חכם און תם (סיפורי מעשיות, מעשה ט) וואו מען זעט ווי דער תם האט געהאט א גוט לעבן און איז שטענדיג געווען פריילין.

דער תם איז געווען א שוסטער, ער פלעגט ארבעטן זייער שווער צו פאבריצירן שיך, און ווען ער האט שוין געענדיגט מאכן דעם שיך האט עס געהאט יענץ פנים, עס האט געהאט דריי עקן, אבער ער פלעגט אנכאפן דעם שיך און זיך מחי׳ זיין דערמיט, ער פלעגט זאגן: ״וואס פאר א שיינקייט, וואס פאר א ווארילקייט דאס שיכעלע איז״; ״וואס פאר א זיסקייט דאס שיכעלע איז״; ״וואס פאר א האניג׳דיג, וואס פאר א צוקערדיג שיכעלע דאס איז״; זיין ווייב האט יא געהאט חכמות וכו׳ האט זי זיך זייער געוואונדערט, זי האט אים געפרעגט: ״אז עס איז יא אזוי, פארוואס אנדערע שוסטערס נעמען דריי גילדן פאר א פאר שיך און דו נעמסט נאר א האלבן טאלער?״ האט איר דער תם געענטפערט: ״וואס האט דאס צו טון מיט מיר; דאס איז יענעמס מעשה און דאס איז מיין מעשה, און ווייטער פארוואס דארפן מיר שמועסן פון אנדערע מענטשן; לאמיר
~~~~~~~~~~~

מאכן א חשבון וויפיל איך פארדין פון דעם שיך", ער פלעגט צוזאמרעכענען וויפיל ער האט אויסגעגעבן פאר די סחורה און וויפיל עס איז אים אריין געקומען ריווח, און ער האט געזען אז ער האט מרוויח געווען צען גראשן, האט ער געזאגט פאר זיין ווייב: "וואס זאל מיר באדערן אז איך האב פארדינט עפעס ריווח מיד ליד?"

ווען עס קומען אריין אין דיר מחשבות פון דיינע געשוויסטער, דו טראכסט אז פאר זיי גיבט מען מער פון דיר וכו', זאלסטו זיך גוט איין חזר'ן די ווערטער פונעם תם: **"וואס האט דאס צו טון מיט מיר? דאס איז יענעמ'ס מעשה און דאס איז מיין מעשה"**, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו קומען צו וואס דער תם האט זוכה געווען צוצוקומען.

עס פעלט דיר בכלל נישט אויס קיין סעלפאון, דו האסט צייט פאר דעם נאך דיין חתונה; אנשטאט זיצן און טעקסטן מיט חבר'טעס זאלסטו אין די צייט זאגן תהילים און רעדן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**אמונה מאכט שטארק די נערוון.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך בעט אייך זייער איר זאלט אריין נעמען אין זיך אז דער אייבערשטער פירט די וועלט; דורכדעם וועט אייך גרינגער ווערן און איר וועט זיין רואיג און צופרידן.

אמונה מאכט שטארק די נערוון, און אזוי אויך פארקערט; אז מען האט נישט קיין שטארקע אמונה, מען שפירט נישט דעם אייבערשטן, מען מיינט אז זאכן פאסירן סתם אן קיין חשבון, מען קוקט אויף דער וועלט ווי עס פירט זיך חס ושלום מיט טבע מקרה מזל - דעמאלט לעבט מען שטענדיג מיט פחדים און שלעכטע מחשבות; מען באשולדיגט זיך כסדר, וואס פון דעם קומען אלע נערוון קראנקהייטן לא עלינו ולא עליכם; די איינציגסטע רפואה פאר די וואס האבן שוואכע נערוון איז "אמונה".

דערפאר האט דער רבי זייער אסאך גערעדט פון אמונה; ער האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ה): דער עיקר דארף א מענטש ארבעטן צוצוקומען צו אמונה, ווייל אן אמונה איז זייער שווער דאס לעבן. עס זענען דא זייער אסאך קרענק וואס קומט נאר צוליב דעם ווייל מען האט נישט קיין אמונה; דאס גייט ארויף אויף יסורי הנפש וואס מענטשן ליידן זיך נעבעך צאם. זאגט דער רבי ווייטער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה,
~~~~~~~~~~

בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", ווייל ווען א מענטש האט נישט קיין אמונה און ער ליידט נעבעך פון די מחלות וואס קומט פון חסרון אמונה, דעמאלט העלפט אים נישט קיין רפואות, עס העלפט נישט קיין תפילה און אויך נישט זכות אבות; דאס גייט ארויף אויף די יסורים וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט פון אלע סארט יסורי הנפש, עס פייניגט זיי פון אינעווייניג - יעדער מיט זיינע שלעכטע מחשבות, און די איינציגסטע רפואה אויף דעם איז אמונה.

דערפאר בעט איך אייך זייער איר זאלט זיך שטארקן מיט אמונה; גיבט א קוק די ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אייך, איר האט א טייערע מאן נרו יאיר מיט א ליכטיג קינד, און נאך אביסל האט איר שוין נאך א ליכטיג קינד, דעריבער זאלט איר נאר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און אים בעטן ער זאל אייך געבן כח איר זאלסט הנאה האבן פונעם לעבן.

איך שיק אייך דא א תפילה וואס איר זאלט זאגן יעדן טאג; איך זאג אייך צו אז אויב איר וועט זאגן די תפילה יעדן טאג - לכל הפחות איין מאל, וועט איר ביז א קורצע צייט ווערן געזונט און שטארק; איר וועט האבן שטארקע נערוון, איר וועט מער נישט האבן קיין פחדים מיט דמיונות, און איר וועט זיך נישט באשולדיגן וכו'.

איר קענט זאגן די תפילה, נישט איין מאל און נישט צוויי מאל - נאר יעדעס מאל איר שפירט ווי אייערע מחשבות קומען צו לויפן און שטורמען אייער קאפ, איר שפירט ווי אייער קאפ דריידט זיך מיט אלע נעגעטיווע מחשבות, זאלט איר נעמען די תפילה און דאס זאגן אויפן קול, וועט איר זען ביז א קורצע צייט ווי עס וועט אייך בעסער ווערן.

"גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גִיבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; פַאר מַיין טַייעֶרֶע מַאן, פַאר מַיין טַייעֶר לִיכְטִיג קִינְד און פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גִיבְּסְט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ און אִיךְ זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט הַנָאָה פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט און אִיךְ וֵויין אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה און אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר און דִיר שְׁפִּירְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי עֶנְג, מַיין קָאפּ דְרֵיידְט זִיךְ מִיר אַ גַאנְצְן טָאג מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. אִיךְ טְרַאכְט

אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר; אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג זִיךְ אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע נֶערְוְון פְּלַאצְן מִיר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן נָאר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר.

בַּאשֶׁעפֶער, קוּק צוּ מַיינֶע טְרֶערְן, קוּק וִוי אִיךְ וֵויין, קוּק אוֹיף מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ; אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת - דוּ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער גִיבְּסְט שֵׂכֶל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה - דוּ גִיבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע: וְחָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת, גִיבּ מִיר אוֹיךְ שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד אִיךְ זָאל מִיר נִישְׁט פַּיינִיגְן.

בַּאשֶׁעפֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ וִויל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.

דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָּהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל אוּן לֵאָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרַא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

די תפילה זאלט איר האלטן מיט זיך און יעדן טאג זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן, וועט איר האבן א רפואה שלימה בקרוב ממש.

...

~~~~~~~~~~~

דאס וויכטיגקייט פון לערנען און חזר׳ן הלכות טהרה; הכרת הטוב פאר די וואס העלפן ענדיגן דעם בנין אין אומאן.

בעזרת ה׳ יתברך - ב׳ פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר.

יעצט ווען מיר שטייען אין די ימי השובבי"ם זאלסטו זיך מאכן א שיעור איבער צו חזר׳ן הלכות טהרה.
~~~~~~~~~~~

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט דערציילן אז דער גרויסער צדיק רבי אורי פון סטרעליסק זכותו יגן עלינו האט איבער גע'חזר'ט מער פון טויזנט מאל הלכות טהרה, און מוהרא"ש פלעגט אויספירן: "איז דאך זיכער אז מיר פשוט'ע אידן דארפן דאס חזר'ן אן א שיעור מאל, אז מיר זאלן נישט חס ושלום נכשל ווערן אין די הלכות".

דערפאר זאלסטו זיך מאכן א שיעור איבער צו גיין די הלכות; היינט זענען דא שיינע ספרים אויף אלע שפראכן, אויף אידיש און אויך אויף ענגליש - קלאר און שיין ארויסגעברענגט אלע הלכות.

איך האב פאר דיר א מתנה, א קליין ספר אין אידיש וואו עס איז שיין און קלאר ארויסגעשריבן אלע הלכות; קום ארויף אין ישיבה ווייל איך וויל דיר דאס געבן.

מען דארף היטן די תורה; אז מען היט די תורה האט מען אלעס גוטס אבער אז מען היט נישט די תורה איז זייער ביטער. אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן אונז (שבת יג.): אליהו הנביא האט דערציילט: "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עס איז געווען א מענטש וואס האט זייער פלייסיג געלערנט און ער איז געשטארבן זייער יונג, זיין ווייב האט דאס נישט אויסגעהאלטן און זי האט אנגעהויבן ארום לויפן צו אלע שולן און ישיבות און געפרעגט: "ווי אזוי קען זיין אז מיין מאן איז געשטארבן יונג, עס שטייט דאך אין די תורה (דברים ל, כ): 'כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ', ווער עס לערנט תורה וועט לאנג לעבן, מיין מאן האט געלערנט אסאך תורה - חומש, משניות און גמרא פארוואס איז ער נפטר געווארן אזוי יונג?!" "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", און קיינער האט איר נישט געהאט וואס צו ענטפערן, איינמאל - דערציילט אליהו הנביא - בין איך איינגעשטאנען ביי די פרוי און זי האט מיר דערציילט די גאנצע מעשה, האב איך איר געפרעגט: "איר האט געהאלטן טהרת המשפחה?" האט זי געענטפערט: "אוודאי האבן מיר געהאלטן טהרת המשפחה!" האט איר אליהו הנביא אויסגעפרעגט פונקטליך אלע הלכות פון טהרת המשפחה, ביז זי האט מודה געווען אז איר מאן האט נישט אכטונג געגעבן אויף די הלכות דורכאויס די שבעה נקיים; האט אליהו הנביא איר געזאגט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", געלויבט איז דער אייבערשטער אז ער האט אים גע'הרג'ט, ווייל אין די תורה שטייט (ויקרא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

איך בעט דיר זייער זאלסט מיר העלפן ענדיגן בויען דעם בית המדרש אין אומאן; מיטן העלפן בויען דעם בנין העלפסטו זיך אליינס. ברוך ה' פאריגע וואך דאנערשטאג האט מען געגאסן רוב פונעם דאך, יעצט דארף מען ענדיגן די טרעפ ארויף ביזן דאך און

פארמאכן דעם דאך; מיט דעם איז דער בנין געענדיגט פון אינדרויסן בעזרת השם יתברך.

דעם שבת בין איך געווען מיט צען משפחות אויף א "שבת הכרת הטוב", די צען אינגעלייט העלפן מיר ענדיגן דעם בנין אין אומאן. איך האב אסאך שוקל געווען צי איך זאל אוועק פארן מיט די משפחות וואס האבן זיך אנגעשטרענגט און געגעבן צען טויזנט דאללער צי נישט, היות עס זענען דא אסאך תלמידים וואס העלפן מיר מיט אסאך מער ווי צען טויזנט דאללער, איז וואס עפעס פארן נאר מיט די וואס געבן פאר אומאן?! אבער למעשה - ההכרח לא יגונה, איך דארף ענדיגן דעם בנין כדי מיר זאלן האבן א פלאץ פאר אונז און פאר אונזערע קינדער, דעריבער בין איך יא געפארן מיט די פאר משפחות כדי ארויס צו ווייזן מיין 'הכרת הטוב'. אבער דאס מיינט נישט אז איך האב נישט הכרת הטוב פאר דיר; איך בין דיר זייער מכיר טוב פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר און איך בעט פאר דיר דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~~

**סיין זיך ארויס פון די נייעס און ליצנות גרופ'ס און סטעטוס, וועסטו האבן פרנסה בריווח.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בא, ב' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך ארויס סיינען און אן-סאבסקרייבן פון אלע נארישע גרופ'ס וואס שיקן דיר קליפס פון ליצנות וכדומה.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות ממון, סימן א): "הַמִּתְלוֹצֵץ - מְזוֹנוֹתָיו מִתְמַעֲטִין", דער וואס מאכט ליצנות פארלירט זיין פרנסה; די אלע קליפס און סטעטוס וואס דו קוקסט איז דער גורם אז דו זאלסט זיך אזוי מוטשען מיט דיין פרנסה, דעריבער בעט איך דיר מיין טייערער ליבער חבר, שרייב זיך ארויס פון אלע גרופ'ס וואס שיקן דיר נייעס און ליצנות, וועט דיר דער אייבערשטער געבן גרויס שפע.

בפרט זאלסטו אכטונג געבן אז אין שטוב זאלסטו נישט אהיים ברענגען דיין טעלעפאן וואס מען קען זען דערויף נישט גוטע זאכן. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ממון, סימן לא): "מְאִיסוּתָא דְּבֵיתָא מֵבִיא לִידֵי עֲנִיּוּת", אז עס איז דא אין שטוב שמוץ ברענגט דאס ארעמקייט; ווייל דער מלאך וואס איז ממונה אויף ארעמקייט הייסט נבל (פסחים
~~~~~~~~~~~

קי״א:), און ווען ער זעט א שטוב וואס פירט זיך נישט ריין קומט ער דארט און ברענגט ארימקייט. וואס איז נאך אזוי מיאוס ווי האבן אן אפענעם סעלפאון אדער טעבלעט, קאמפיוטער וכו׳, וואס מען קען זען דערויף אלע עבירות רחמנא לצלן?! אודאי גייט אוועק די גאנצע ברכה!

בעט דעם אייבערשטן ער זאל אין דיר אריין לייגן א ריינקייט אז דו אליינס פון דיין אייגענע ווילן זאלסט פארמאכן די גרופ׳ס וואס שיקן דיר נארישקייטן.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

**נעם הפצה פאר דיין פרנסה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בא, ב׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער חתן ... נרו יאיר.**

מזל טוב פאר דיין שידוך! קוק צו וואס מען איז זוכה אז מען האט סבלנות; האסט אזוי לאנג געווארט פאר דיין שידוך, יעצט זעסטו וואס דו האסט באקומען, אזא טייערע כלה תחי׳ און אזא שיינע ערליכע משפחה. זאלסטו שטענדיג געדענקען אז ביים סוף איז מען זוכה צו שיינע זאכן, מען דארף נאר האבן סבלנות.

יעצט אז דו גייסט חתונה האבן זאלסטו געדענקען וואס מען האט געטון פאר דיר און דו זאלסט עס ווייטער טון פאר אנדערע; זאלסט גיין הפצה ארויס צו העלפן אידישע קינדער. אזוי ווי מען האט דיר ארויסגעשלעפט וכו׳ זאלסטו ארויסשלעפן אנדערע אידן פון זייערע עבירות; עס איז נישט דא קיין גרעסערע רחמנות ווי א מענטש וואס טוט עבירות.

דאס זאלסטו נעמען פאר דיין פרנסה: ״הפצה״; וועסטו האבן גרויס שפע.

הלוואי זאלן אלע תלמידים פון ישיבה נאר עוסק זיין אין ״הפצה״, יעדער איינער אין זיין תחום, וועלן מיר קענען צוריק ברענגען אלע אידן צום אייבערשטן און האבן א חלק אין די גאולה. אזוי ווי דער ניגון גייט: ״על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו״, במהרה בימינו, אמן.

א גרויסן יישר כח פארן ארויס העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**מען דערקענט דיין איבערגעגעבנקייט צו די קינדער**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בא, ב׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב נעכטן פארהערט דיין כתה, איך מוז דיר זאגן אז איך בין ארויס פון התפעלות ווי גוט זיי האבן געקענט די גמרא רש״י פון פרק לולב הגזול, ובעיקר פון זייערע גוטע מדות, ובפרטי פרטיות פון זייער שמחה. אלע זענען געזעצן אזוי פרייליך מיט דרך ארץ.

עס דערקענט זיך די איבערגעגעבענע ארבעט וואס דו לייגסט אריין אין זיי; וויל איך דיר מחזק זיין מיט די פאר שורות אז דו זאלסטו זיך שטארקן מיט אלע דיינע כחות ווייטער אריינצולייגן אין די קינדער אמונה ויראת שמים.

ווען דו לערנסט מיט די קינדער זאלסטו זיך פארשטעלן ווי דו רעדסט פאר גרויסע דערוואקסענע מענטשן - גדולי ישראל, אזוי וועסטו מצליח זיין און אנקומען אריין צו לייגן אין זיי דאס מערסטע וואס איז שייך.

זע צו טאנצן מיט די קינדער יעדן טאג אפאר מינוט מיט מוזיק; טו דאס נאך שחרית אדער נאך מנחה. אזוי וועט זיין א פרייליכע אטמאספער אין כתה, וועט זיי זיין גרינגער צו פארשטיין וואס מען לערנט.

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**ספר ״אשר בנחל״, א שטיק געטליכקייט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בא, ב׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דער ספר ״אשר בנחל״ אין אידיש איז שוין ווידער אריין צום דרוק; יעצט אז מען דרוקט דאס מיט מפתחות וועט דאס זיין גאר שיין.

דעם ספר וועל איך בלי נדר דרוקן און דרוקן מיין גאנץ לעבן. ווייל ״אשר בנחל״ איז א ספר וואס קלעבט צו דעם מענטש צום אייבערשטן.

מען האט אמאל אויסגעלויבט פאר רבי נתן דעם ספר 'שני לוחות הברית' פונעם של"ה הקדוש זכותו יגן עלינו, אז דאס איז ממש א "**כל בו**", ווייל עס פארמאגט אין זיך אלעס: דרוש; חסידות וכו'; האט זיך רבי נתן אויסגעדרוקט אויף זיינע ספרים 'ליקוטי הלכות': "**מיינע ספרים איז דעם אייבערשטנ'ס גן עדן**", ווייל ווען מען לערנט ליקוטי הלכות ווערט מען אזוי מחוזק אז מען שפירט זיך ווי אין גן עדן; און מוהרא"ש האט אויסגעפירט: "**דער ספר אשר בנחל איז דער אייבערשטער אליינס**", ווייל מען קען נישט טרעפן נאך א ספר וואס זאל זיין א שטיק געטליכקייט ווי דער ספר; וואו מען עפנט נאר אויף דעם ספר, יעדע איינציגסטע בריוו זעט מען די לויטערע ריינע אמונה און מען הייבט אן בענקען צום אייבערשטן.

איך האב געגעבן פאר האברך ... נרו יאיר אכט טויזנט דאללער, זיי אים מודיע ווי אזוי ער זאל שיקן די געלט קיין ארץ ישראל; אויך לאז מיר וויסן וויפיל געלט עס קאסט דאס ברענגען די ספרים קיין אמעריקע.

אויך בעט איך דיר זאלסט מאכן א שיינע דעקל פאר דעם ספר "עצתו אמונה" אין ענגליש; מרת ... תחי' און מרת ... תחי' שרייבן דאס איבער אויף ענגליש הערליך שיין. דאס פעלט זיך אויס אין ענגליש פאר די אלע וואס קענען נישט ליינען אידיש, אזוי ווי די מפיצים ר' ..., ר' ... און ר' ... בעטן מיר כסדר אז מען זאל מאכן נאך ספרים און קונטרסים אין ענגליש.

שטעל אויס מיטן גרעפיקער די גרויסקייט פון א קונטרס און אויך די פאנט, נאכדעם וועל איך דאס איבער געבן פאר א אינגערמאן ער זאל דאס אויסשטעלן יעדע וואך.

עס זייער שיין די גרעפיקס פאר די שבת סיום הש"ס; עס פעלט נישט אויס צו לייגן מיין נאמען, נאר שרייב: "שבת סיום הש"ס מיט'ן ראש ישיבה שליט"א", שרייב נישט מיין נאמען.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

..ו.

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**שטיי אויף צופרי לערנען תורה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בא, ב׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע ענינים.

איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט קומען אינדערפרי צום שיעור גמרא; יעצט ווען דו האסט חתונה געהאט אין דו ביסט אין שנה ראשונה, דארפסטו זען צו קומען צום שיעור יעדן אינדערפרי.

א יונגערמאן דארף אויפשטיין אינדערפרי לערנען תורה; דאס איז א סגולה פאר שלום בית. דאס ברענגט חן, אזוי ווי עס שטייט (משלי ה, יט): ״אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן״, דרש׳נען די חכמים (עירובין נד:): ״שֶׁמַּעֲלַת חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ״, ווען מען לערנט תורה באקומען מען חֵן.

דעריבער זאלסטו זיך שטארקן און ווייטער קומען אינדערפרי לערנען דעם דף גמרא; ביי מיר איז מיין גאנצע חיות דער לימוד הדף בבלי און ירושלמי; ווען איך ענדיג פארלערנען אינדערפרי דעם דף בבלי און דעם דף ירושלמי שפיר איך ווי איך האב שוין אפגענומען מיין טאג.

איךווארט צו הערן פון דיר אז דו וועסט זיך צוריק באנייען און קומען לערנען; פארגעס נישט אז יעצט זענען דיינע שענסטע יארן, יעצט קענסטו לערנען תורה בטהרה.

...

~~~~~~~~~~

**זיי מחזק דיין ווייב.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בא, ב׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי מיר מוחל אז איך האב דיר נישט צוריק געשריבן; עס איז מיר אונטער געקומען אנדערע זאכן און עס איז מיר ארויס פון קאפ.

נעכטן נאכמיטאג האב איך געשריבן א בריוו פאר דיין ווייב, און שפעטער ווען איך בין אהיים געקומען האב איך ערהאלטן נאך א בריוו פון איר וואו זי האלט מיר פאר פארוואס איך לייג אייך אין דער זייט און איך ענטפער אייך נישט; זי איז גערעכט, איך
~~~~~~~~~~

האב אייך שוין פון לאנג געדארפט ענטפערן, וואס זאל איך אבער טון אז עס איז אונטער געקומען אנדערע זאכן.

איך בעט דיר זייער: שטארק דיר טייערער ברודער און שטארק דיין ווייב תחי'; בדרך כלל ווען א ווייב גייט אריבער שווער־קייטן און זי גיסט זיך אויס איר הארץ פאר'ן מאן טאר דער מאן זיך נישט פארלירן און ווייזן פארלוירנקייט, נאר אפילו ווען די מצב זעט אים טאקע אויס פארלוירן, דארף ער מיט אלע כוחות רעדן ווערטער פון אמונה און חיזוק, אפילו עס זעט אויס ווי זי נעמט עס נישט אן.

דעריבער בעט איך דיר ליבער ברודער, טייערער ... נרו יאיר; ווען דיין ווייב גיסט זיך אויס איר הארץ פאר דיר זאלסטו איר אויסהערן און טרייסטן. רעד צו איר פשוט'ע ווערטער פון אמונה; זאג איר: "דער אייבערשטער איז דא, מיט אונז ביי אונז און נעבן אונז, און אלעס וואס פאסירט אויף דער וועלט איז מיט א חשבון".

עס איז א שאד זיך צו פייניגן מיט מחשבות פון שטארבן, ווייל ווען עס קומט די מינוט וואס מען דארף צוריק גיין צום אייבערשטן וועלן מיר אלע צוריק גיין, דערפאר איז א שאד זיך צו זארגן. ענדערש צינד אן לעבעדיגע ניגונים ביי דיר און שטוב, דאס וועט אוועק נעמען אלע פחדים. אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, סימן יד): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", ווער עס האט מורא זאל זינגען פריילעכע ניגונים, וועט אוועק גיין די פחד.

עס איז כדאי דו זאלסט דרוקן א באנד 'אשר בנחל'; דו קענסט איבער געבן די געלט פאר דעם שליח וואס גיבט דיר איבער דעם בריוו. מוהרא"ש פלעגט בעטן פינף הונדערט דאללער פאר א זכות צו דרוקן אשר בנחל.

איך בין מתפלל פאר דיר און דיין ווייב; איך ווארט צו הערן פון אייך אז עס איז אייך שוין גרינגער געווארן.

...

~~~~~~~~~~

**לערנען יעדן טאג כאטשיג איין פרק משניות.**

בעזרת ה' יתברך - ג' פרשת בא, ב' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דו האסט שוין געעפנט היינט א אידיש ספר? האסט שוין היינט געפאלגט דעם רבי'ן וואס האט אונז געהייסן (שיחות הר"ן, סימן כג) עסן יעדן טאג משניות און טרינקען תהילים? האסט שוין היינט געעפנט א משניות און געזאגט כאטשיג איין פרק?!
~~~~~~~~~~

אפשר וואלט כדאי געווען אז גלייך יעצט ווען דו ענדיגסט ליינען דעם בריוו זאלסטו נעמען א משניות און לערנען א פרק; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן א פרק משניות, וואס דאס וועט דיר ריניגן פון אלע עבירות.

אז דו וועסט זאגן משניות וועסטו אנהייבן רעדן מער איידל און דיין מויל וועט נאר רעדן שיינע רייד. די הלכה איז, אז א בהמה וואס "פִּיהָ דּוֹמֶה לְשֶׁל חֲזִיר" - איר מויל זעט אויס ווי די מויל פון א חזיר - איז א בעלת מום (רמב"ם פרק ב' מהלכות איסורי המזבח, הלכה ב); איינער וואס רעדט שמוציג איז פסול צו זיין א קרבן פארן אייבערשטן. דערפאר בעט איך דיר: "פארמאך דיין סעלפאון פאר אפאר מינוט, נעם א משניות און זאג כאטש איין פרק, וועסטו ווערן ריין פון אלע דיינע זינד".

געב אכטונג נישט צו רעדן ניבול פה; איך האב דיר שוין געשריבן אז אמאל האסטו געהאט אלע חן פון דער וועלט, און זייט דו האסט מפקיר געווען דיין מויל, און דיין שפראך איז הפקר - האסטו מער נישט קיין חן.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות חן, סימן ד) אז ווער עס וויל באקומען חן: "יִשְׁמֹר אֶת פִּיו מִדִּבּוּר אָסוּר", זאל זיך אפהיטן פון רעדן נישט גוטע זאכן; אנשטאט רעדן מיט חברים גיי אהיים רעדן מיט דיין ווייב שיינע רייד, דערצייל איר שיינע התחזקות און הער איר אויס ווי איר טאג איז אדורך.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית י:) אויפן פסוק (מלכים ב ב, יא): "וַיְהִי הֵמָּה הֹלְכִים הָלוֹךְ וְדַבֵּר, וְהִנֵּה רֶכֶב אֵשׁ וְסוּסֵי אֵשׁ וַיַּפְרִדוּ בֵּין שְׁנֵיהֶם", זאגט די גמרא: "טַעֲמָא דְּאִיכָּא דִּיבּוּר, הָא לֵיכָּא דִּיבּוּר - רְאוּיִין לִישָּׂרֵף", אז מען רעדט שיינע זאכן איז גוט, אבער אז מען רעדט נישט ווערט מען פארברענט; מאן און ווייב דארפן רעדן צווישן זיך, זיך אויסשמועסן און זיין אפן איינער מיטן צווייטן, דעמאלט איז גוט, אבער אז מען רעדט נישט דעמאלט טויג נישט.

נאך איין זאך בעט איך דיר: זיי אביסל עוסק אין הפצה; וועסטו האבן א חלק אין ביאת משיח צדקינו.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**אנשטאט טראכטן אזוי סאך וועגן זיך טראכט פונעם אייבערשטן, טראכט וואס דו קענסט טון פארן אייבערשטן.**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בא, ג׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קסט) אז דער עיקר וואס א מענטש פאלט אראפ אין די תאוה הידועה קומט פון עצבות און מרה שחורה.

עצבות און מרה שחורה ברענגט נישט קיין גוטס; דערפאר דארפסטו זיך שטארקן מיט אלע דיינע כוחות אוועק צו שטופן די עצבות און מרה שחורה פון דיר. רעד זיך נישט איין אז דאס וואס דו גייסט ארום אזוי צעקלאפט און מסופק צי דו ביסט ׳יא׳ צי דו ביסט ׳נישט׳, צי מען דארף דיר ׳יא׳ צי מען דארף דיר ׳נישט׳ - קומט פון די קדושה, די אלע צעדרייטע מחשבות וואס שווימען דיר אין קאפ צי דו וועסט נאך ׳יא׳ האבן א תיקון צי דו וועסט ׳נישט׳ האבן א תיקון - דאס האט גארנישט צו טון מיט קדושה, דאס איז סתם קאפ ווייטאג וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אינעם מענטש כדי אים צו קענען נאכדעם אוועק רייסן פונעם אייבערשטן.

אנשטאט זאלסט אזויפיל טראכטן פון דיר, אנשטאט צו שפעקולירן צי דו ביסט א ׳יא׳ צי א ׳נישט׳, לייג דער ׳זיך׳ אין דער זייט און זיי פארנומען מיט׳ן טון גוטס. וואס איז דיר א חילוק וואס דו ביסט? וואס גייט דיר אן צי דו ביסט ׳יא׳ צי ׳נישט׳? און ווען דו זעסט אז דו ביסט אראפ געפאלן ווערסטו אזוי צעשאקעלט אז דו פאלסט אריין אין עצבות ומרה שחורה, ענדערש טראכט פונעם אייבערשטן, טראכט וואס דו קענסט טון פארן אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תנג): ״אָט וִוי אִיר זֶעט מִיר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, וָואלְט דָאס מִיר גָארְנִישְׁט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן, אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גֶעוֶועזְן אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיעֶר, דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן״; מען טאר זיך נישט צעברעכן פון גארנישט אויף דער וועלט. אפילו מען זעט זיך ווי מען פאלט אראפ אין נישט גוטע זאכן דארף מען ווייטער דינען דעם אייבערשטן און תשובה טון אויף די עבירה.

גיי אין שול דאווענען מיט מנין און שטופ עס נישט אפ אויף שפעטער; גיי נישט צו דיין ארבעט פאר דו טוסט אן טלית ותפילין.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~~

**הער אויף וויינען, הייב אן קוקן אויף די גוטס וואס דו האסט.**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בא, ג׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך פארשטיי נישט פארוואס דו וויינסט אזוי, פארוואס זאלסטו נישט קוקן אויף די חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט דיר?! דו האסט אזוי געוויינט צו מיר אז עס האט זיך געקענט דאכטן אז דו האסט עפעס א גרויסע צרה; געלויבט דעם אייבערשטן אז דו ביסט געזונט און שטארק, דו האסט אלע רמ״ח אברים ושס״ה גידים, דו קומסט פון א גוטע שטוב, דו האסט טייערע עלטערן, דו ביסט באליבט ביי דיינע חבר׳טעס - איז פארוואס זאלסטו אזוי וויינען?!

דו דארפסט אנהייבן דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט דיר; אנשטאט וויינען און קרעכצן א גאנצן טאג זאלסטו אים דאנקען. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ב) אז תפילה איז אזוי ווי א שווערד, דאס איז דער געווער פון א איד. זאגט דער רבי: ״וּמִי שֶׁזָּכָה לַחֶרֶב הַזֶּה״, ווער עס איז זוכה צו האבן דעם געווער, ״צָרִיךְ לֵידַע אֵיךְ לְלָחֵם עִם הַחֶרֶב״, דארף וויסן ווי אזוי צו נוצן דעם געווער, ״שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין אוֹ לִשְׂמֹאל״, ער זאל נישט בייגן דעם שווערד נישט רעכטס און נישט לינקס נאר דאס האלטן גראד אינמיטן; מוהרא״ש איז דאס מסביר, אז פונקט אזוי ווי בגשמיות ווען איינער האלט א געווער אין זיין האנט דארף ער וויסן ווי אז צו מלחמה האלטן מיט דעם, אזוי אויך ווען עס קומט צו תפילה דארף מען וויסן ווי אזוי דאס צו נוצן, עס דארף גיין פוןביידע זייטן; קודם דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן, וואס דאס ברענגט אריין א שטארקע שמחה אינעם מענטש. א מענטש דארף שטענדיג קוקן אויף אראפ, אז עס זענען דא מענטשן וואס זענען מיליאן מאל ערגער פון אים און דאך זענען זיי זיך מחזק, אזוי וועט ער האבן כח צו בעטן דעם אייבערשטן אויף וואס ער דארף. זאג נישט: ״וואס גייט מיר אן אז פאר א צווייטן איז ערגער פון מיר? וועט דאס מיר דען העלפן?״ זאג נישט אזוי, ווייל אז דו וועסט אזוי זאגן וועסטו נישט האבן קיין כח צו האלטן די געווער צו בעטן אויף מער; האלט די געווער פון ביידע זייטן, שטענדיג דאנק און לויב דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס ער טוט מיט דיר אזוי וועסטו האבן כח צו בעטן אויף נאך מער.

דערפאר בעט איך דיר זייער: ״הער אויף צו וויינען, און הייב אן קוקן אויף די גוט׳ס וואס דו האסט״; עס פעלט דיר גארנישט, עס פעלט דיר נאר איין זאך: ״דו זאלסט
~~~~~~~~~~~

מכיר זיין אז דער אייבערשטער איז דער בעל הבית, און מיר קענען זיך נישט געבן קיין ריר נאר אז ער הייסט".

הייב אן קוקן ווי רייך דו ביסט; מוהרא"ש ברענגט פון ספר מדרש שמואל אז עָ'שִׁ'י'ר' איז די ראשי תיבות: "עֵ'ינַיִם שִׁ'נַּיִם יָ'דַיִם רַ'גְלַיִם"; ווען א מענטש האט אויגן - ער קען זען, ציינער - צו עסן, הענט און פיס - דער איז דער גרעסטער עושר אויף דער וועלט! וויפיל אידישע קינדער גייען נעבעך אריבער ביטערע שווערע צרות; עס זענען דא בלינדע, טויבע, הינקעדיגע און פארלאזירטע רחמנא לצלן.

איז די ערשטע זאך ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי זאלסטו אנהייבן דאנקען דעם אייבערשטן, זאג: **"איך דאנק דיר באשעפער אז איך האב אויגן און איך קען זען, איך דאנק דיר אייבערשטער אז איך האב אויערן און איך קען הערן, א נאז צו שמעקן, א מויל צו רעדן; יישר כח אייבערשטער אז איך האב הענט און פיס, איך דאנק דיר אז איך קען זיך באוועגן".**

הייב אן אריין טראכטן אין די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט דיר ועסטו שוין נישט וויינען מער, אדרבה, דו וועסט ווערן אזוי פרייליך אז דו וועסט נאך פרייליך מאכן דיינע עלטערן און דיינע חבר'טעס.

איך האף אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער, וועט דיר זיין גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

ליין איבער דעם בריוו יעדן טאג.

...

~~~~~~~~~~

**דאס וויכטיגקייט פון זיך אפגעבן מיט די חינוך פון די קינדער.**

בעזרת ה' יתברך - ד' פרשת בא, ג' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

לייג אלעס אוועק און גיי אהיים צו דיינע קינדער; דאס זאל ביי דיר זיין די ערשטע זאך אויף דיין ליסט צו ערלעדיגן.

רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: "עס איז ביי מיר חשוב מחנך צו זיין מיינע קינדער, פונקט ווי אויפשטיין זאגן 'תיקון חצות'"; רבי נתן האט נישט געוואלט גיין שלאפן פאר זיינע קינדער קומען אהיים פון חדר ווייל ער האט זיי געוואלט מחנך זיין; ער האט זיי געוואלט מחנך זיין צו מאכן ברכות, ער האט געוואלט ליינען קריאת שמע מיט זיי און זיי מחנך זיין אנגצורייטן נעגל וואסער וכדומה, וואס אזא חינוך בלייבט
~~~~~~~~~~

אויף אייביג; און דערפאר האט ער נישט געקענט גיין שלאפן פרי, אבער דאס איז אים געווען פונקט אזוי חשוב ווי די עבודה פון חצות.

א קינד וועם די עלטערן האבן שיינערהייט דערמאנט נאכט נאך נאכט צו ליינען קריאת שמע קומט דאס אן גרינגער צו טון במשך א גאנץ לעבן.

וויסן זאלסטו אז דיינע קינדער פארשטייען אלעס און זעען אלעס, אפילו זיי זענען נאך יונג; דערפאר אז דו ווילסט זען נחת פון דיינע קינדער דארפסטו זיך פירן מיט יראת שמים. א קינד וואס זעט ווי זיין טאטע פירט זיך מיט יראת שמים, ער זעט זיין טאטע אנגרייטן נעגל וואסער און ליינען קריאת שמע פארן שלאפן, ער הערט ווי זיין טאטע רעדט איידל, ער שרייט נישט און שעלט נישט, וועט דאס קינד אויך זיין אן ערליכער איד און נאכמאכן זיין טאטע, אזא קינד ווען ער וועט אויפוואקסן וועט ער אויך ליינען קריאת שמע און אנגרייטן נעגל וואסער פארן שלאפן גיין און ער וועט אויך רעדן איידל און שיין.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~

**זיי זיך מקבל נישט צו רעדן ביים דאווענען.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת בא, ד׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער זאלסט אכטונג געבן נישט צו רעדן ביים דאווענען, בפרט ווען דו קומסט אין א ברסלב׳ע שול.

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן אז דו שמועסט אפ דעם גאנצן דאווענען, בשעת דער הייליגער זוהר זאגט (פרשת ואתחנן, רסו:): ״וּמָאן דְּאִשְׁתָּעֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא״, ווער עס שמועסט אין בית המדרש בשעת׳ן דאווענען, ״וַוי לֵיהּ דְּאַחְזֵי פְּרוּדָא״, ווי פאר אים אז ער טיילט זיך אפ פונעם אייבערשטן, ״וַוי לֵיהּ דְּגָרַע מְהֵימְנוּתָא״, ווי פאר אים אז ער גייט אוועק פון די אמונה, ״וַוי לֵיהּ דְּלֵית לֵיהּ חוּלָקָא בֶּאֱלָהָא דְּיִשְׂרָאֵל״, און ווי פאר אים אז ער האט נישט קיין חלק באלוקי ישראל. ״דְּאַחְזֵי דְּלֵית לֵיהּ אֱלָהָא״, ער ווייזט אז עס איז נישט דא קיין באשעפער, ״וְלָא אִשְׁתְּכַח תַּמָּן״, און אז דער אייבערשטער געפונט זיך נישט אין שול, ״וְאַנְהִיג קְלָנָא בְּתַקִּיפָא עִלָּאָה״, ער פירט זיך מיט גרינגשעצונג אינעם אייבערשטן; זעט מען פון דעם ווי הארב עס איז צו רעדן ביים דאווענען.
~~~~~~~~~~

אפגערעדט אז ווען מען האט קינדער דארף מען זייער אכטונג געבן ווען מען קומט אין שול נישט צו רעדן ביים דאווענען, ווייל ווען קינדער זעען ווי דער טאטע שמועסט ביים דאווענען ווערט ביי זיי ביליג דאס גאנצע דאווענען, ביז זיי וועלן אינגאנצן אפלאזן דאס דאווענען.

איך בעט דיר, זיי זיך מקבל נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אין דעם זכות וואס דו ביסט מכבד דעם אייבערשטן זאלסטו זען גרויס שפע.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

**אז דו ווערסט לערנען, וועט דיין ווייב דיר ארויפקוקן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת בא, ד׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן צמח צדק פון ליובאוויטש זכותו יגן עלינו און זיך באקלאגט אז זיין ווייב גרויסט זיך אויף אים, זי דערנידערט אים און זי טשעפעט אים. האט דער הייליגער צדיק אים געזאגט: די תורה זאגט (בראשית ג, טז): ״וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ, וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ״, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר חוה אז זי וועט גליסטן נאכ׳ן מאן און דער מאן וועט געוועלטיגן איבער איר, און דער צמח צדק האט אויסגעפירט: ״דאס גייט אינאיינעם, און אויב טוישט מען אויף דעם ערשטן חלק, מען גליסט צו איר, דאן טוישט זיך דער צווייטער חלק און זי ווערט די געוועלטיגער״.

אז דו ווערסט נאכלויפן דיין ווייב וכו׳ וועט זי באלעבאטעווען אויף דיר; אבער אז דו ווערסט זיך אריין טון אין תורה, תפלה און בעיקר אין הפצה דאן וועט זי דיר ארויפקוקן.

איך האף אז דו פארשטייסט אויפן ווינק וואס איך שרייב דיר דא; אז דו ווערסט זיך אזוי פירן וועט דיר גוט זיין און דו ווערסט האבן א גליקליך לעבן.

איך וועל נאך רעדן מיט דיר פנים בפנים.

...

~~~~~~~~~~

**אויסנוצן דעם שבת ריכטיג; ווען מען לערנט תורה שפירט מען אן אינערליכע געשמאק אין לעבן.**

**בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת בא, ה׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

יעצט ווען עס קומט שבת איז נישט דא קיין באנק, נישט דא קיין געלט, נישט דא קיין דאגות; יעצט איז די צייט צו טראכטן אביסל פון תכלית און טראכטן אביסל פון די נשמה. דער זוהר הקדוש רופט אן שבת (פרשת ויקהל, רה:): ״הַאי יוֹמָא, יוֹמָא דְנִשְׁמָתִין הוּא וְלֹא יוֹמָא דְגוּפָא״, שבת איז א טאג פאר די נשמה, נישט פארן גוף.

דערפאר בעט איך דיר זאלסט קומען אין בית המדרש דאווענען אלע תפילות מיט מנין און מאכן שיינע סעודות און זיין נאר פרייליך א גאנץ שבת, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו גרויס שפע, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה יא, א) אויפן פסוק (משלי י, כב): ״בִּרְכַּת ה׳ הִיא תַעֲשִׁיר וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ״ - ״בִּרְכַּת ה׳ הִיא תַעֲשִׁיר - זוֹ הַשַּׁבָּת״, אז מען היט דעם שבת און מען פריידט זיך א גאנץ שבת - איז מען זוכה צו עשירות.

הייב היינט אן לערנען דעם ׳דף גמרא׳ וועסטו זיך שפירן אין גאנצן אנדערש; דו וועסט שפירן א צופרידנקייט אין דיר, דו וועסט שפירן א זאך וואס דו האסט קיינמאל באפאר נישט געשפירט. יעדעס מאל מען איז זוכה צו לערנען נאך אביסל תורה שפירט מען ווי מען איז עפעס ווערד, ווייל פון אזויפיל עבירות אין וואס מען פאלט אריין הייבט מען אן שפירן ביי זיך ווי מען איז גאנישט, און מען הייבט אן טראכטן נארישע מחשבות רחמנא לצלן, אבער ווען מען לערנט תורה הייבט מען אן שפירן א אינערליכע געשמאק אין לעבן.

יעצט שבת איז א צייט וואס מען קען אביסל אפ-אטעמען פון די גערעג פון די גאנצע וואך; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק א): ״לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה״, א מענטש זאל אויפשטיין שבת אינדערפרי גיין אין שול לערנען און דאווענען, און נאכדעם אהיים גיין מאכן די סעודה, ״לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד״, ווייל דער אייבערשטער האט נישט קיין נחת רוח פונעם מענטש נאר אויב ער לערנט תורה; שבת האט מען אביסל צייט, מען דארף נישט לויפן דעקן דעם באנק און צאלן אלע בילס וכו׳ וכו׳, דערפאר איז דעמאלט א גוטע צייט צו לערנען אביסל די הייליגע תורה.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

**"עצתו אמונה" אין ענגליש.**

**בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת בא, ה׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך שיק דיר דא אסאך בריוון פון עצתו אמונה וואס מען האט מתרגם געווען אויף ענגליש; איך בעט דיר זייער זאלסט דאס אויסשטעלן פאר א קונטרס ווייל די מפיצים האלטן אין איין בעטן אז זיי דארפן די דיבורים און שכל אויף ענגליש.

יעצט איז געקומען ... תחי׳ און זי איז דאס אזוי שיין מתרגם, ממש צו באוואונדערן; ווייל פון איין זייט קען מען דאך נישט איבער טייטשן ווארט ביי ווארט ווייל עס וועט זיך נישט לייענען גוט, און פון די אנדערע זייט גייט זי נישט אוועק פונעם מכוון.

דעריבער בעט איך דיר, אזוי ווי דו האסט אזוי שיין מסדר געווען די בריוו אין אידיש, זאלסטו יעצט נעמען די בריוו און דאס מסדר זיין, און איינמאל דאס וועט זיין מסודר וועל איך דאס איבער געבן פאר א צווייטן וואס וועט זיך אפגעבן מיט דעם וועכנטליך; זי קומט אריין אזוי שטארק אין דעם אז זי ענדיגט יעדע וואך אלע בריוו וואס קומט ארויס אויף אידיש.

"הַמַּתְחִיל בְּמִצְוָה יְהֵא גּוֹמֵר אֶת כּוּלָּהּ (תנחומא עקב, ו)"; געלויבט דעם אייבערשטן אז דו האסט אהער געשטעלט אזא שיינע "בית הדפוס" וואו מען דרוקט ספרים און קונטרסים א גאנצן טאג אן א אויפהער; איך ווייס נישט צי דו ביסט אויך דארט געווען ווען מוהרא"ש איז אריין געקומען דאס ערשטע מאל אין "בית הדפוס", צי דו האסט געזען דעם גרויסן שמייכל אויף זיין פנים און ווי ער האט געזאגט: "רבי נתן וואלט זיך מחי׳ געווען מיט אזא ׳בית הדפוס׳". און יעדעס מאל ווען עס איז געווען א שמחה אין ישיבה אדער א מלוה מלכה וואס מוהרא"ש איז געקומען האט ער נאר געוואלט זען דעם "בית הדפוס".

איז יעצט זאלסטו העלפן עס זאל ארויס קומען אויך אויף ענגליש.

איך ווארט צו זען וואס שנעלער א פערטיגע זאך.

...

~~~~~~~~~~

**איבערטייטשן "עצתו אמונה" אויף ענגליש.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת בא, ה' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן די בריוון וואס איר זענט מתרגם אויף ענגליש.

איך האב דאס געוויזן פאר אפאר מפיצים, זיי זאגן אלע זיי אז דאס איז הערליך געשריבן און זיי ווילן דאס פארשפרייטן פאר אלע וואס קענען נישט קיין אידיש, אז זיי זאלן אויך וויסן פון די שיינע זיסע עצות וואס דער רבי לערנט אונז.

דעריבער וויל איך אייך מחזק זיין איר זאלט ווייטער ממשיך זיין מיט די הייליגע ארבעט, צו מזכה זיין אידישע קינדער צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט, אז ווען דער הייליגער צדיק רבי יצחק מדראהביטש זכותו יגן עלינו איז נפטר געווארן איז אים רש"י הקדוש אנקעגן געקומען אויבן אין הימל און אים געפרעגט: "וואס פאר א גוטע מעשים טוט אייער זון דער צדיק רבי מיכל'ע זלאטשובער אז דא אין הימל מאכט מען אזא רעש פון אים?" האט דער טאטע רבי יצחק מדראהביטש געענפערט: "ער לייגט אריין שטארקע כוחות אינעם דאווענען וכו'", האט אים רש"י הקדוש געזאגט: "פאר דעם אליינס וואלט מען נישט געמאכט אזא רעש דא אין הימל פון אים; אסאך צדיקים לייגן אריין כוחות אינעם דאווענען און מען מאכט נישט אזא גרויסע עסק פון זיי", האט דער טאטע ווייטער געזאגט: "ער לערנט זייער פלייסיג", האט אים רש"י הקדוש געענפערט: "דאס קען אויך נישט זיין די סיבה, ווייל אסאך צדיקים לערנען פלייסיג די הייליגע תורה, און פאר דעם אליינס רעש'ט זיך נאך נישט", האט ער געזאגט: "צוליב זיין חסד און צדקה וכו'", האט רש"י הקדוש נאך אלץ נישט מסכים געווען, ביז רבי יצחק מדראהביטש האט אים געזאגט: "אפשר ווייל ער ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן? ער איז עוסק אין דעם זייער שטארק", האט רש"י הקדוש געזאגט: "היינו דאהני ליה, יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס עס רעש'ט זיך פון אים"; ווייל ביים אייבערשטן איז זייער חשוב דער וואס ברענגט צוריק זיינע קינדער צו אים.

טראכט'ס אריין, אז א מענטש האט א קינד וואס איז צוקריגט מיט אים, דער קינד וויל נישט רעדן מיט אים און ער טוט נאר זאכן אנטקעגן אים, קומט איינער צו גיין און הייבט זיך אן פארען מיט דאס קינד, ער רעדט צו אים ער זאל צוריק גיין צו זיין טאטע, ער שיקט אים שיינע בריוון פון התחזקות אז זיין טאטע ווארט אויף אים, וועט דאך דער טאטע זיין אזוי דאנקבאר פאר דעם מענטש וואס ברענגט אים צוריק זיין קינד. און

אמאל אז דער זון קען נישט ליינען די בריוו וואס ער באקומט, קומט א צווייטער און גיבט אוועק צייט עס איבער צו טייטשן אויף די שפראך וואס דער קינד פארשטייט, ווי דאנקבאר איז דער טאטע פאר אלע וואס באשעפטיגן זיך אז זיין זון זאל שוין צוריק קומען צו אים; ער איז מכיר טובה סיי פאר דער וואס שרייבט די בריוו, פאר דער וואס טייפט עס אויף, פאר דער וואס איז עס מתרגם, פאר דער וואס דרוקט עס און פאר דער וואס טראגט עס וכו' וכו'.

דאס איז די גרויסקייט פון אלע וואס טוען אין הפצה; זיי ווילן צוריק ברענגען אלע מענטשן צום אייבערשטן, און די מענטשן זענען זייער חשוב ביים אייבערשטן.

איך בין אייך זייער מכיר טובה פאר'ן זיין א טיטשער ביי אונז אין סקול; יעדע זאך וואס מען טוט פארן רבי'ן איז א זאך וואס בלייבט אויף אייביג, בפרט אז מען איז מחנך קינדער זיי זאלן זיך פירן מיט דרך ארץ און מידות טובות, איז דאס זייער חשוב ביים אייבערשטן.

לייגט אריין אין די מיידלעך דרך ארץ, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מען דארף אויסלערנען דאס קינד דרך ארץ ווען ער איז נאך יונג; דאס איז די ארבעט פון א מחנך און מחנכת, אויסלערנען די קינדער זיי זאלן זיך פירן מיט דרך ארץ. קינדער דארפן וויסן אז אווארט פונעם טיטשער איז א ווארט, און אויב מען פאלגט נישט איז מען נישט קיין 'בית פיגא תלמידה', ווייל דער רבי האט געזאגט: "איך קען יעדן איינעם העלפן, אויסער אן עזות פנים".

אין דעם זכות וועט איר זוכה זיין צו נחת פון אייערער קינדער.

איך שרייב א בריוו פאר אייערע תלמידות; איר זאלט דאס מתרגם זיין אויף ענגליש און זיי דאס פארליינען.

אויך שיק איך אייך בריוו פאר די מיידלעך וואס פירן זיך ערוואקסן, איר זאלט זיי דאס איבערגעבן.

L...

~~~~~~~~~~~

**א ריכטיגע תלמידה פון "בית פיגא".**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת בא, ה' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן גוטע גריסן אויף דיר פון דיין טיטשער מרת ... תחי'.
~~~~~~~~~~~

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו פירסט זיך אויף ערוואקסן און שכל׳דיג; ביי דיר איז נישט קיין חילוק א אידיש טיטשער אדער אן ענגליש טיטשער, יעדע טיטשער איז ביי דיר אן ארויף געקוקטע זאך.

זאלסטו וויסן אז דו מאכסט מיר נחת, און דו מאכסט א נחת רוח פאר מוהרא״ש זכרונו לברכה וואס האט מייסד געווען דעם סקול, ועל כולם מאכסטו א נחת רוח פאר דיינע טייערע עלטערן. און דו אליינס וועסט בענעפיטירן דערפון, ווייל נאך אביסל קומסטו שוין אין די יארן פון חתונה האבן, און דורך דיין גוטע אויפפירונג וועסטו טרעפן אן ערליכער בחור מיט שיינע מידות ווי עס דארף צו זיין.

זיי שטאלץ מיט דיין דרך ארץ; מיר שטאלצירן מיט אזעלכע תלמידות ווי דיר, דו ביסט א ריכטיגע תלמידה פון ״בית פיגא״.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**מיידלעך דארפן זיין ערוואקסן מיט דרך ארץ.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת בא, ה׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד די תלמידות וואס לערנען ביי מרת ... שתחיו.**

איך האב זייער הנאה צו הערן פון אייער טיטשער אז איר פירט זיך אויף ערוואקסן (מעטשאר) און איר האלט מיט די לימודים וואס מען לערנט אין אייער כתה.

נאך מער בין איך צופרידן צו הערן אז רוב מיידלעך ביי אייך אין כתה פירן זיך אויף אויסנאם דרך ארץ׳דיג. זיי קוקן אויף די טיטשער מיט הכנעה, און ווען עס קומט דער זמן הלימוד זיצט מען מיט דרך ארץ, מעןווארט אז די טיטשער זאל שוין קומען. און ווען די טיטשער קומט אריין אין כיתה איז מען שטיל, מען רעדט נישט אינמיטן לערנען נאר מען בעט רשות פאר מען וויל עפעס פרעגן; מען הייבט אויף די האנט פרעגן צי מען קען ארויס גיין טרינקען, וכדומה.

אין די זעלבע צייט הער איך אבער אז נישט אלע מיידלעך זענען אזוי ערוואקסן און זיי פארשטייען נישט אז א טיטשער איז נישט קיין חברט׳ע, און זיי פירן זיך נישט אויף ווי א תלמידה פון ׳בית פיגא׳, זיי געבן די הרגשה כאילו זיי זענען מער פון די טיטשער; דאס טוט מיר זייער וויי. ווייל איך האב געעפנט די סקול מיט גרויס מסירות נפש און איך פיר דאס מיט גרויס פלאג און מי; קיינער ווייסט נישט וואס גייט אריבער
~~~~~~~~~~

מיט די מוסדות, נאר דער אייבערשטער ווייסט, און אז איך הער אז עס זענען דא מיידלעך וואס פירן זיך אויף נישט דערוואקסן טוט דאס מיר זייער וויי.

איר ווייסט וואס מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן פאר עלטערן וואס זענען געקומען זיך שואל עצה זיין ווען צו נעמען פאר אן איידעם? מוהרא"ש פלעגט זאגן אז מען זאל קוקן אויף גוטע מידות; א בחור וואס האט גוטע מידות און פירט זיך מיט דרך ארץ - דער איז א גוטער בחור, און אז נישט זאל מען אוועק שטיין פון אזא איינעם.

דאס זעלבע זאג איך אייך, נאך אביסל שטייט עטץ ביי שידוכים, זאלט איר וויסן אז אויב איר וועט זיך פירן ערוואקסן (מעטשאר) צו אלע אייערע טיטשערס וועט איר זיך מאכן א גוטע נאמען און איר וועט זוכה זיין צו טרעפן א גוטער בחור וואס איז אויך ערוואקסן און פירט זיך מיט דרך ארץ. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", דער אייבערשטער מאכט שידוכים לויט ווי אזוי דער מענטש איז, ווייל (מכות י:): "בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ, בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ", אויף דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, אויף דעם וועג פירט מען אים.

ווידעראום אז איר וועט ווייטער בלייבן קינד'יש וועט איר טרעפן א בחור א קינד, און איר וועט זיך א גאנץ לעבן קענען פארמעסטן ווער עס קען זיין מער קינד'יש (אומעטשאר).

איך האף צו הערן פון אייערע טיטשערס אז אלע קינדער פון די כתה זענען תלמידות פון בית פיגא.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בשלח, י' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי', טיטשער אין אונזער הייליגע סקול בית פיגא.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו און דאס געליינט מיט גרויס פארזיכטיגקייט.

איך שיק אייך א שטיקל פונעם קונטרס "א גוטע לערערין", א שיינע קונטרס וואס מוהרא"ש האט געשריבן פאר טיטשערס ווי אזוי צו מצליח זיין מיט די תלמידות. איך שיק אייך דא איין אות פונעם קונטרס (אות ח), איך וויל איר זאלט דאס האלטן מיט זיך און דאס אריין נעמען אין זיך.

**דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן אַ מְנַהֶלֶת אִין אַ מֵיידְל שׁוּלֶע**
~~~~~~~~~~

אַ מֵיידל שׁוּלֶע מוּז הָאבְּן אַ מְנַהֶלֶת וָואס זָאל שְׁטֵיין אִין שְׁפִּיץ פוּן דִי שׁוּלֶע, זִי זָאל פִּירְן דִי שׁוּלֶע, אוּן זָאגְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס מְ'הָאט צוּ טוּן. אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מְנַהֶלֶת, וֶועט דִי גַאנְצֶע שׁוּלֶע פָּארְן אוֹיף רֶעדֶער, אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

מִיר אַלֶע וֵוייסְן אַז אַ מַאמֶע אִיז דִי "עֲקֶרֶת הַבַּיִת", זִי אִיז דִי עִיקָר פוּנֶעם הוֹיז. וֶוען זִי זֶעט אַז דִי גֶעשִׁיר וֶוערְט אָנְגֶעהוֹיפְנְט אִין סִינְק, וֶועט זִי עֶס וַואשְׁן אוּן אַוֶועקְלֵייגְן; וֶוען זִי זֶעט אַז דִי וֶועשׁ הוֹיפְנְט זִיךְ אָן, וֶועט זִי עֶס וַואשְׁן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן דֶערְמִיט; וֶוען זִי זֶעט אַז דִי וֶועשׁ זֶענֶען צֶעוָוארְפְן, וֶועט זִי עֶס צוּזַאמְלֵייגְן אוּן עֶס אַוֶועקְלֵייגְן; וֶוען זִי זֶעט אַז דִי עֶרְד אִיז אָנְגֶעלֵייגְט מִיט זַאכְן, וֶועט זִי עֶס צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן שֵׁיין אוֹיפְרוּימֶען; אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶועט זִי הַאלְטְן דִי אַחְרַיוּת אוֹיפְ'ן גַאנְצְן הוֹיז, זִי וֶועט זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶעס קְלַאפְּט אוּן אַלֶעס אִיז אִין פְּלַאץ, אַז דִי הוֹיז זָאל זַיין שֵׁיין אוֹיפְגֶערוּימְט אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען.

יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט אַז וֶוען מְ'קוּמְט אַרַיין אִין אַ הוֹיז וָואס דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, קֶען מֶען דָאס גְלַייךְ דֶערְקֶענֶען אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטְן בְּלִיק. דִי עֶרְד אִיז אָנְגֶעהוֹיפְנְט מִיט אַלֶע סָארְט זַאכְן, מִיט וֶועשׁ, שְׁמוּץ, שְׁפִּילְצֵייג, אוּן אַלֶעס אַרוּם; דִי קַאוּנְטֶער אִיז אָנְגֶעלֵייגְט מִיט גֶעשִׁיר, דִי טִישׁ אִיז אָנְגֶעלֵייגְט מִיט זַאכְן; קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט קֶעיר גֶענוּמֶען. פַארְוָואס? וַוייל דִי "עֲקֶרֶת הַבַּיִת" פֶּעלְט דָא, דֶער עִיקָר פוּנֶעם הוֹיז אִיז נִישְׁטָא, אוּן אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא אֵיינֶער וָואס זָאל נֶעמֶען אַחְרַיוּת אוּן וֶועלְן נָאר דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם הוֹיז, דַאן אִיז נִישְׁטָא קַיין הוֹיז בִּכְלַל.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ אִין אַ שׁוּלֶע. עֶס מוּז דָארְט זַיין אַ מְנַהֶלֶת, עֶס מוּז דָארְט זַיין אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אִין שְׁפִּיץ אוּן אַלֶץ אוּן אַלֶעמֶען, אוּן נֶעמְט דִי אַחְרַיוּת זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט יֶעדֶע זַאךְ אַז סְ'זָאל זִיךְ פִּירְן אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם. ווִי נָאר עֶס פֶּעלְט אַ מְנַהֶלֶת פוּן אַ שׁוּלֶע, עֶס פֶּעלְט דִי רֶעסְפֶּעקְט וָואס מְ'דַארְף הָאבְּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת, קֶען מֶען דָאס גְלַייךְ דֶערְקֶענֶען, אַלֶעס הוֹיבְּט אָן גֵיין בַּארְג אַרָאפּ, אוּן גָארְנִישְׁט וֶוערְט מְסוּדָר.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אָבֶּער אוֹיךְ פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז דִי מְנַהֶלֶת אִיז נָאר אַ מֶענְטְשׁ, זִי קֶען אוֹיךְ מַאכְן אַ טָעוּת, מְ'קֶען הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר אַז זִי טוּט נִישְׁט זַאכְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן מְ'מֶעג זִיךְ טַעֲנָה'ן מִיט אִיר אוּן אִיר אוֹיפְקְלֶערְן אוֹיף אַ טָעוּת וָואס זִי הָאט.

אֵיידֶער מְ'וִויל אָבֶּער אוֹיפְמֶערְקְן דִי מְנַהֶלֶת אוֹיף אִיר טָעוּת, אֵיידֶער מְ'וִויל אִיר זָאגְן עֶפֶּעס וָואס טוֹיג נִישְׁט אִין שׁוּלֶע, עֶפֶּעס מִיט זִי וָואלְט גֶעקֶענְט פַארְבֶּעסֶערְן דִי שׁוּלֶע, מוּז מֶען קוֹדֶם ווִיסְן עֶטְלִיכֶע הַקְדָּמוֹת, מְ'מוּז עֶס טוּן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וַוייל

אוֹיבּ טוּט מֶען עֶס נִישְׁט רִיכְטִיג, קֶען מֶען מִיט דֶעם אִינְגַאנְצְן אוּנְטֶערְבְּרֶעכְנֶען אוּן חָרוּב מַאכְן דִי גַאנְצֶע שׁוּלֶע.

דִי עֶרְשְׁטֶע תְּנַאי אִיז אַז דָאס מוּז גֶעזָאגְט וֶוערְן אוֹיף זֵייעֶר אַ בַּאהַאלְטֶענֶע וֶועג, קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט טָאר דָאס נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן. דָאס מוּז זַיין פְּרִיוַואט צְווִישְׁן דִי לֶערֶערִין אוּן דִי מְנַהֶלֶת. מְ'טָאר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן דֶערְוֶועגְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס, מִיט דִי עֶלְטֶערְן, אָדֶער מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל דָאס וֶועט חָרוּב לֵייגְן דִי גַאנְצֶע שׁוּלֶע.

אוֹיבּ אִיז דָא מֵיינוּנְגְס-פַּארְשִׁידְנְהֵייטְן צְווִישְׁן אַ לֶערֶערִין אוּן דִי מְנַהֶלֶת אִיבֶּער סַיי וָואסֶערֶע זַאךְ; צִי מְ'זָאל לֶערְנֶען אַ גֶעווִיסֶער לִימוּד אִין דִי צַייט אָדֶער אִין יֶענֶע צַייט, אוֹיבּ מְ'זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועג אָדֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועג, אוֹיבּ מְ'זָאל לֶערְנֶען מֶער פוּן דֶעם לִימוּד אָדֶער פוּן אַן אַנְדֶערְן לִימוּד, צִי מְ'זָאל גֵיין מֶער שְׁטְרֶענְג מִיט דִי קִינְדֶער אָדֶער מֶער וֵוייךְ, אָדֶער סַיי וָואסֶערֶע סָארְט טַעֲנָה'רֵייעֶן סְ'קֶען זִיךְ אַלְץ מַאכְן צְווִישְׁן אַ לֶערֶערִין אוּן דִי מְנַהֶלֶת; מוּז דָאס בְּלַייבְּן נָאר צְווִישְׁן זֵיי צְוֵויי פְּרִיוַואט, קַיין אֵיין אַנְדֶערֶער פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטַאבּ טָאר נִישְׁט ווִיסְן פוּן דֶעם.

דֶערִיבֶּער אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אַז דָאס זָאל גֶעטוּן וֶוערְן אִינְדְרוֹיסְן דִי רַאמֶען פוּן דִי שׁוּלֶע, מְ'זָאל דָאס טוּן בַּיינַאכְט, זֵיי זָאלְן זִיךְ טְרֶעפְן אָדֶער אָנְרוּפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן דֶעם עִנְיָן שֵׁיינֶערְהֵייט. אָדֶער זָאלְן זֵיי דָאס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּלֶע בַּיינַאכְט, וֶוען יֶעדֶער אִיז שׁוֹין אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען. אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועלְן זֵיי זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ לֶעזוּנְג צוּם פְּרָאבְּלֶעם.

דִי צְוֵוייטֶע תְּנַאי אִיז אַז דָאס מוּז גֶעטוּן וֶוערְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם אוּן אֵיידֶעלְן וֶועג, מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. דִי לֶערֶערִין זָאל שֵׁיין עֶרְקְלֶערְן מִיט רוּאִיגְקֵייט וָואס אִיר שְׁטֶעלוּנְג אִיז, וָואס זִי הַאלְט דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, וָואס זִי הַאלְט ס'אִיז דִי לֶעזוּנְג צוּם פְּרָאבְּלֶעם. ווִידֶער דִי מְנַהֶלֶת זָאל שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין אִיר זַייט, וָואס זִי הַאלְט וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער. אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען מֶען זִיךְ זִיכֶער גוּט אוֹיסְקוּמֶען אוּן טְרֶעפְן אַ וֶועג יֶעדְן צוּפְרִידְן צוּ שְׁטֶעלְן, פַאר דִי בֶּעסְטֶע טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער.

אִין דִי מִינוּט וָואס עֶס וֶוערְט אָבֶּער אַ פַיינְטְשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי לֶערֶערִינְס אוּן דִי מְנַהֶלֶת, וֶועט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק שָׁאטְן פַאר דִי גַאנְצֶע שׁוּלֶע. ווִי נָאר עֶס וֶוערְט ווִי אַן 'אוֹיפְשְׁטַאנְד' פוּן דִי לֶערֶערִינְס קֶעגְן דִי מְנַהֶלֶת, אַ לֶערֶערִין הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי מְנַהֶלֶת, אוּן זִי הֶעצְט אָן דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס קֶעגְן אִיר, וֶועט דָאס אוּנְטֶערְבְּרֶעכְנֶען דִי גַאנְצֶע שׁוּלֶע.

קִינְדֶער קֶענֶען זֵייעֶר גוּט שְׁמֶעקֶן. ווִיפִּיל מְ׳רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מְ׳קֶען בַּאהַאלְטְן זַאכְן פוּן קִינְדֶער, אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת. ווִי נָאר עֶס וֶוערְט אַזַא אַטְמָאסְפֶער פוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט צְווִישְׁן דִי לֶערֶערִינְס אוּן דִי מְנַהֶלֶת, וֶועלְן דִי קִינְדֶער דָאס גְלַייךְ אוֹיפְכַאפְּן אוּן פַארְשְׁטֵיין. אוּן דָאס וֶועט נֶעבֶּעךְ זַיין דִי חִינוּךְ וָואס זֵיי גֵייעֶן מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

אוֹיבּ דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דִי לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט קַיין רֶעסְפֶּעקְט פַּאר דִי מְנַהֶלֶת, זִי הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי מְנַהֶלֶת אוּן זִי אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִיר, דַאן וֶועלְן דִי קִינְדֶער דָאס אוֹיךְ נָאכְטוּן, זֵיי וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין פוּן דֶעם אַז זֵיי דַארְפְן שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין רֶעסְפֶּעקְט פַּאר דִי לֶערֶערִין, זֵיי קֶענֶען שׁוֹין זַיין מְחוּצְפִּים פַּאר דִי לֶערֶערִין. אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין אַלֵיין מֶעג דָאס טוּן פַּאר דִי מְנַהֶלֶת, מֶעגְן דִי קִינְדֶער דָאךְ זִיכֶער דָאס טוּן פַאר דִי לֶערֶערִין.

דֶערִיבֶּער אִיז דָאס גָאר אַ קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיגֶע טֵייל פוּנֶעם חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד פוּן אַ שׁוּלֶע, אַז סְ׳מוּז זַיין אַ גוּטֶע מְנַהֶלֶת וָואס שְׁטֵייט אִין שְׁפִּיץ פוּן אַלֶעס, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט אוֹיף אִיר וָוארְט. אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר, מוּז דָאס גֶעזָאגְט וֶוערְן זֵייעֶר פְּרִיוַואט אוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיף אַ וֶועג וָואס קֵיינֶער זָאל דָאס נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן. סֵיי דִי לֶערֶערִינְס אוּן סֵיי דִי קִינְדֶער מוּזְן הָאבְּן רֶעסְפֶּעקְט אוּן אַרוֹיפְקוּקְן אוֹיף דִי מְנַהֶלֶת, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט דִי שׁוּלֶע - מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף - זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, אוּן דִי קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דָארְט וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע אוּן וואוֹילֶע קִינְדֶער.

איך האף אז איר וועט אננעמען דעם בריוו אויף א פאזיטיוון וועג, אויך זאלט איר ווייזן דעם בריוו פאר אלע טיטשערס.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אייער ארבעט.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~שאלות ותשובות~~~

**זאל איך מיטנעמען מיינע קינדער אויף אומאן, טראץ די נסיונות פון שמירת עינים אויפ'ן וועג?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט וויל איך אייך באדאנקען אויף אייערע הערליכע שיעורים וואס האט געמאכט א ריזיגע טויש אין מיין לעבן, הקב"ה ישלם שכרכם בכפלי כפלים.

איך פאר שוין אסאך יארן אויף אומאן ראש השנה ב"ה, אבער איך האב קיינמאל נישט מיטגענומען קיין קינדער. איך הער אבער ביי די שיעורים אז ס'איז יא וויכטיג מיטצונעמען די קינדער אהין. מיין שאלה איז, אזוי ווי מיין שטוב ווערט געפירט אויף א פרומען אופן, הן בנוגע זיין אפגעשיידט פון אלע סארט מאדערנקייטן וואס כאפט זיך אריין, סמארטפאון און ווידיאס איז טרייף פסול ביי מיר און שטוב, און אויך אין די בית המדרש וואו איך דאווען, און אין די תלמוד תורה וואו איך שיק מיינע קינדער זענען רובם ככולם פון אזעלכע שטובער.

יעצט ווען איך נעם מיט מיין זון פון 11 יאר קיין אומאן, איז תיכף ביים אנקומען צום עירפארט וועט ער זען אז מער פון רוב פון די אידן וואס ווארטן ארויף צו גיין אויפ'ן פליגער האבן יא א סמארטפאון אין האנט, און בשעת'ן זיצן אויפ'ן פליגער וועט ער זען ווי אידן קוקן יא ווידיאס, און בכלל די הנהגה און די דיבורים אויפ'ן פליגער קען זיין מיט לייכטזיניגקייט פון אסאך מענטשן, איז ווי אזוי וועט ער אויפנעמען אזא זאך, אז יעצט בשעת'ן טון די גרעסטע זאך וואס איז שייך, צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, זעט ער גאר אז אזויפיל אידן וואס פארן אויך קיין אומאן, טוען אזעלכע סארט זאכן וואס ער זעט נישט זיין גאנצע לעבן?

איך פארשטיי אז די אידן דארף מען דן זיין לכף זכות, און דער רבי איז א דאקטער וואס היילט אויס סיי מיך און סיי זיי, אבער א קינד וואס דארף בכלל חיזוק אוועקצושטיין פון די שרעקליכע נסיונות הדור, קען פון דעם קומען צו א מסקנא אז מ'קען זיין אן ערליכער איד צוזאמען מיט די אלע טריפה'נע זאכן.

יישר כח פאר'ן אוועק געבן פון אייער טייערע צייט.

יוסף

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בא, ראש חודש שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד יוסף נרו יאיר.**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

וואויל איז דיר אז דו ביסט מחנך דיינע קינדער זיי זאלן זיין אפגעשיידט פון שלעכטס; אז מען איז מחנך די קינדער מיט ליבשאפט וועלן זיי אויסוואקסן ערליכע אידן. שלמה המלך זאגט (משלי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ וִינִיחֶךָ, וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", אז מען איז מחנך קינדער אויפן גוטן וועג וועלן זיי נאר ברענגען נחת.

דער עיקר זאלסטו זיי מחנך זיין אז זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן און יעדע זאך וואס זיי דארפן זאלן זיי אים בעטן; קינדער האבן אין זיך א ריינקייט אין זיך, ביי זיי איז די אמונה קלאר און לויטער, דערפאר זאלסטו זיי מחנך זיין זיי זאלן לעבן מיט אמונה; דערציייל זיי מעשיות פון תפילה ווי דער אייבערשטער העלפט ווען מען בעט אים, וועלן זיי אויס וואקסן ערליכע אידן.

אודאי זאלסטו ברענגען דיינע קינדער קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה; עס איז באוויסט די מעשה אז ווען רבי יודל פון דאשוב זכותו יגן עלינו - איינער פון די גרויסע תלמידים פון רבי'ן - איז געקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי דער רבי האט געהייסן, האט זיין זון אויך זייער שטארק געוואלט מיט קומען, אבער רבי יודל האט געטראכט אז עס איז וועט זיין זייער שווער פארן קינד די שווערע וועג וכו', אויך האט אים געפעלט געלט אויף שפעזן. למעשה איז ער געקומען צום רבי'ן אליינס אן זיין זון; ווען ער איז אריין געקומען צום רבי'ן שלום געבן האט דער רבי זיך אנגערופן: "איך בין א וואונדער; דער טאטע קומט צו מיר - גלייבט ער דאך אין מיר, און דער זון גלייבט אויך אין מיר, און פון דעסטוועגן האלט דער טאטע אפ דעם זון פון קומען צו מיר"; עס האט געבאדערט פאר'ן רבי'ן אז ער האט נישט מיט געברענגט זיין זון ווייל דער רבי האט געוואלט אז מען זאל קומען צו אים מיט די קינדער.

אזוי פירן זיך אלע תלמידי היכל הקודש; מיר פארן ראש השנה מיט אלע קינדער פון פאר זיי ווערן זיבן יאר. מיר קוקן נישט אויף גארנישט און מיר ברעכן אלע מניעות, יעדער איינער האט זיך זיינע נסיונות און אין יעדע תקופה קומען אפיר אנדערע נסיונות, אמאל איז געווען די נסיון אז עס איז נישט דא קיין עסן געהעריג, אדער די בעט איז נישט געהעריג, האבן מיר דאס צעבראכן און געקומען אפילו אן עסן און אן שלאפן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תד): "יא עסן - נישט עסן, יא שלאפן - נישט שלאפן, יא דאווענען - נישט דאווענען, דער עיקר אז מען זאל זיין ביי מיר אויף ראש השנה"; און אזוי קומען כסדר אן פרישע נסיונות, אבער מיר פאלגן דעם רבי'ן און קומען צו אים אויף ראש השנה.

אז דו ווילסט געבן א גוטע חינוך פאר דיינע קינדער זאלסטו זיי מיט נעמען מיט דיר און זיי מחנך זיין אונטער ווענגס זיי זאלן האבן שמירת עיניים, וועסטו זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס זאל איך טון ווען איך זע אנדערע בחורים טוען עבירות?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר די ערליכע שיעורים וואס זענען ממש כמים קרים על נפש עייפה.

איך לערן אין א חסיד'ישע ישיבה גדולה אין ארץ ישראל, און ברוך השם איך פרוביר דאס בעסטע צו זיין אן ערליכער איד און זיך האלטן בקדושה וכו'. אבער ליידער זענען דא פון מיינע חבירים וואס הערן נישט אויס די שיעורים און זיי פאלן אדורך מיט הארבע עבירות רח"ל, און זיי כאפן אויך אריין יונגע בחורים וכדו'. וויל איך וויסן צי איך דארף אדער איך מעג בכלל עפעס טון ווענגן דעם, און אויב יא, וואס קען איך טון?

איך קוק ארויס צו באקומען א תשובה, א גרויסן יישר כח.

ארי

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בא, ב׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ארי נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו האסט נישט קיין שייכות מיט די בחורים וואס רעדן ניבול פה; מוהרא״ש זכרונו לברכה האט געגעבן א סימן ווי אזוי מען קען וויסן מיט וועם מען קען זיך חבר׳ן, אויב רעדט יענער אידל איז א סימן אז ער איז ערליך איז גוט און מען מעג זיך חבר׳ן מיט יענעם, אבער אויב יענער רעדט נישט אידל, אפילו ער זעט אויס פון אינדרויסן גוט, ער גייט אנגעטון מיט חסידי׳שע קליידער - זאל מען אנטלויפן פון יענעם.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין יז:): ״רַב בָּדִיק בְּלִישְׁנֵיהּ״; זאגן צדיקים א רמז אז מען קען דערקענען אויף א מענטש לויט זיין רעדן - ווער ער איז; אויב רעדט ער אידל איז א סימן אז ער איז אן ערליכער איד, און אז נישט דארף מען אנטלויפן פון יענעם.
~~~~~~~~~~~

אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניבול פה, סימן א): "ווער עס רעדט ניבול פה איז א סימן אז זיין גאנצע קאפ איז אים פארדארבן רחמנא לצלן"; דעריבער פריי איך זיך זייער צו הערן אז דו האסט נישט קיין שייכות מיט די בחורים וואס פירן זיך אויף נישט איידל.

אודאי זאלסטו טון צו דער זאך; זאלסט מודיע זיין פאר דיין ראש ישיבה אז עס זענען דא בחורים וואס טוען מעשה נבלה צווישן זיך רחמנא לצלן. וועט ער אוועק שיקן די בחורים וואס פארכאפן יונגע בחורים אין עבירות וועט די ישיבה נאך קענען אנגיין, און אז נישט וועט גארנישט בלייבן פון די גאנצע ישיבה.

דאס וואס מען זעט ווי ישיבות מאכן זיך צו און עס בלייבט גארנישט דערפון, דאס קומט פון די עבירה וואס בחורים טוען צווישן זיך רחמנא לצלן. אזוי ווי מיר געפונען אין חז"ל (תנא דבי אליהו רבה, פרק יח): אליהו הנביא האט דערציילט: "פַּעַם אַחַת הָיִיתִי מְהַלֵּךְ בְּתוֹךְ הַגּוֹלָה שֶׁבְּבָבֶל, וְנִכְנַסְתִּי לְעִיר גְּדוֹלָה שֶׁל יִשְׂרָאֵל וְאֵין שָׁם עַכּוּ"ם כְּלָל. וּמָצָאתִי שָׁם מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת אֶחָד, וְיָשְׁבוּ לְפָנָיו מָאתַיִם נְעָרִים שֶׁרוּבָּן בְּנֵי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּבְנֵי עֶשְׂרִים שָׁנָה", איך בין אמאל געגאנגען אין א שטאט אין חוץ לארץ, אין בבל, און איך האב געטראפן א מלמד וואס האט געהאט זייער אסאך תלמידים - בערך צוויי הונדערט תלמידים אין די יארגענג פון אכצן ביז צוואנציג יאר, "וּלְשָׁנָה הָאַחֶרֶת חָזַרְתִּי לְשָׁם וּמָצָאתִי אֶת הַתַּלְמִידִים וְאֵין רַבָּם בֵּינֵיהֶם אֶלָּא בֶּן אֶחָד בִּלְבַד שֶׁהוּא הָיָה בֶּן בֶּן בְּנוֹ שֶׁבִּשְׁבִיל מַעֲשֵׂיהֶם הַמְקֻלְקָלִים שֶׁל אוֹתָן נְעָרִים מֵת רַבָּן וּמֵתָה אִשְׁתּוֹ וּמֵת בְּנוֹ וּמֵתוּ כָּל הַנְּעָרִים שֶׁרוּבָּן בְּנֵי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וּבְנֵי עֶשְׂרִים וְלֹא נִשְׁתַּיְּירוּ רַק הַקְּטַנִּים", נאך א יאר בין איך צוריק געקומען צו דעם שטאט און איך האב נישט געקענט טרעפן דעם מלמד, האט מען מיר געזאגט אז דער מלמד איז שוין געשטארבן, אזוי אויך זענען געשטארבן זיין ווייב און קינדער און אלע תלמידים, און עס זענען נאר איבערגעבליבן אפאר יונגע תלמידים, "וְהָיִיתִי בּוֹכֶה וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", האב איך אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען, טראכטנדיג צו מיר: 'פארוואס איז דער מלמד, זיין משפחה מיט די תלמידים - געשטארבן?' "עַד שֶׁבָּא אֵלַי מַלְאָךְ מִן הַשָּׁמַיִם וְאָמַר לִי מִפְּנֵי מָה אַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַנֵּחַ, אָמַרְתִּי לוֹ וְכִי לֹא אֶבְכֶּה וְאֶתְאַנַּח עַל אֵלּוּ שֶׁבָּאוּ לִידֵי מִקְרָא וּמִשְׁנָה וְעַכְשָׁיו הָלְכוּ לָהֶם וְהָיוּ כְּלֹא הָיוּ", ביז עס איז געקומען צו מיר א מלאך פון הימל און מיר געפרעגט: "אליהו, פארוואס וויינסטו?" האב איך אים געענטפערט: "צי דען זאל איך נישט וויינען, אז די אלע זענען געשטארבן..." "וְאָמַר לִי לֹא יָפֶה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם, אָמַרְתִּי לוֹ מִפְּנֵי מָה, וְאָמַר לִי שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכוֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין

בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", האט מיר דער מלאך געזאגט: "ווייַן נישט אליהו, זיי האבן געטון שמוציגע מעשים; זיי האבן געטון עבירות איינער מיטן צווייטן".

מוהרא"ש האט מיר אנגעזאגט איך זאל נישט ארויס ווארפן קיין בחור פאר קיין שום זאך, חוץ אויב ער איז א קראנקער בחור וואס לויפט נאך אנדערע בחורים; אזא איינעם זאל איך פארשיקן ווי פריער, אז נישט וועט זיך די ישיבה נישט האלטן.

ממילא זאלסטו זיכער גיין צום ראש ישיבה און אים דערציילן אלע פרטים וואס דו ווייסט.

דו נוץ אויס ריכטיג דיינע יונגע יארן, ווייל וואס מען לערנט אין די יונגע יארן דאס בלייבט אויף א גאנץ לעבן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", די שענסטע צייט פונעם מענטשנ'ס זענען זיינע יונגע יארן. דערפאר זאלסטו זיך מאכן א שיעור אין משניות און אין גמרא כסדרן, הייב אן פון אנהייב און ווי לאנג דו ביסט נישט מסיים גאנץ ש"ס זאלסטו נישט איבער חזר'ן, נאר גיין ווייטער כסדרן. אמת טאקע, עס איז זייער שווער פאר א בחור צו זיין אפגעהיטן כל זמן מען האט נישט חתונה, אבער פון די אנדערע זייט האסטו נאך נישט קיין עול פרנסה, איז יעצט א צייט וואס מען קען אסאך אנקומען.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

### מען טשעפעט מיך אין ישיבה וועגן ברסלב, וואס קען איך טון?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור, דרייצן יאר אלט, אין זכות פון די שיעורים האב איך שוין געלערנט גמרא מסכת ברכות שבת און עירובין, און פיר מאל ששה סדרי משנה.

איך לערן אין א ישיבה, נישט קיין ברסלב'ע ישיבה, און מען טשעפעט מיר און מ'טענה'ט מיט מיר וועגן דעם, וואס זאל איך טון?

אליעזר

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בא, ג' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד הבחור אליעזר נרו יאיר.
~~~~~~~~~~

אשריך ואשרי חלקיך אז דו ניצט אויס דיינע יונגע יארן מיט לימוד התורה; דו האסט אנגעהויבן לערנען ש״ס כסדרן אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן און דו האסט שוין זוכה געווען צו מסיים זיין מסכת ברכות, שבת און עירובין. אזוי אויך לערנסטו משניות און דו האסט שוין מסיים געווען פיר מאל ששה סדרי משנה; וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

בנוגע דאס וואס מען טשעפעט דיר אין ישיבה; איך וואלט דיר געזאגט זאלסט נישט דערציילן פאר קיינעם וואס דו טוסט, נאר זאלסט זיצן פאר זיך און לערנען, וועלן זיי דיר נישט טשעפען. מען קען נישט טשעפען מיט איינעם וואס מאכט זיך נישט צוטון; אז דו וועסט זיצן פאר דיר אין די פרייע צייט ווען אלע זענען פארנומען מיט נארישקייטן, וועסט זיך מאכן א גוטע נאמען; דיינע עלטערן וועלן האבן נחת פון דיר און דו וועסט אויסוואקסן א ערליכער איד א גרויסער צדיק.

זע צו מכבד זיין דיינע מגידי שיעורים און האלט מיט די שיעורים אין ישיבה, וואס דאס קומט פאר אלעס. אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (תנא דבי אליהו רבה, א): ״דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה״, די ערשטע זאך איז דרך ארץ און מידות טובות; בפרט ביים הייליגן רבי איז דרך ארץ געווען די ערשטע זאך. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: ״ווען קעניגן וואלטן געוואוסט וואס פאר א דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע תלמידים, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ״.

זאלסט מיט האלטן די סדרים אין ישיבה, און אין די זייטיגע צייטן ווען קיינער לערנט נישט וכו׳ זאלסטו זיצן מיט א משניות און א גמרא און לערנען בהתמדה רבה. און ווען עס קומען בחורים זיך אונטער האלטן אויף דיין חשבון זאלסטו נישט ענטפערן נאר ווייטער לערנען; קוק נישט אויף קיינעם וועסטו אויסוואקסן לשם ולתפארת.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

L...

~~~~~~~~~~

### ווי אזוי געב איך מיין מעשר געלט פאר הפצה?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם מוז איך זיך באדאנקען פאר די ווארעמע דרשות און חיזוק, ס'איז ממש מחיה נפשות.

איך האב געמאכט עפעס אן אינוועסטמענט, און איך האב זיך אונטערגענומען אז א חלק פון די מעשר וועל איך געבן פאר הפצה. יעצט איז מיין שאלה וואס ס'גייט אריין אין גדר פון הפצה, נאר צו דרוקן ספרים,
~~~~~~~~~~

אשר בנחל און קונטרסים? אדער אויך צו פארשפרייטן די שיעורים און ניגונים, אדער אפשר פאר די טעלעפאן ליין וואו מ'קען הערן די שיעורים?

א גרויסן יישר כח, יחזקאל

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בא, ג׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד יחזקאל נרו יאיר.**

מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון מזכה זיין אידישע קינדער זיי זאלן אויך וויסן פונעם הייליגן רבינ׳ס עצות.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה זאגט (ליקוטי הלכות ברכת השחר, הלכה ה׳, אות לו): **אויפן פסוק** (תהלים קיט, קמב): ״צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם, וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת״, וועלכע צדקה בלייבט אויף אייביג? ווען מען גיבט צדקה צו פארשפרייטן די לימודים פונעם צדיק וואס איז מגלה תורת אמת, ער ווייזט פאר אלעמען אז מען קען נאך צוריק קומען צום אייבערשטן - דאס בלייבט אויף אייביג.

דעריבער איז נישט דא קיין גרעסערע צדקה ווי צו געבן געלט פאר די ספרים; בפרט אין אונזער דור וואס מיר דארפן זייער וויכטיג האבן די ספרים, נאכדעם וואס מיר געפונען זיך אין א וועלט וואס איז אנגעפולט מיט כפירות און אפיקורסות, און מען קען זייער גרינג אנקומען צו עבירות. עס ווערן געדרוקט יעדע רגע אזויפיל עקלדיגע און אויסגעלאסענע מאגאזינען וכו׳ וואס דורך דעם ווערן אוועק געריסן אידישע קינדער פונעם אייבערשטן, און נאר די ספרים פונעם הייליגן רבי׳ן האבן א כח און ברענגען צוריק אזויפיל אידן צום אייבערשטן, אפילו פון די ווייטסטע פלעצער.

וואויל איז פאר דעם וואס גיבט זיין צדקה צו קענען דרוקן די ספרים, בפרט אז ער העלפט דרוקן די קונטרסים וואס מוהרא״ש האט געשריבן - וואס עס איז ארויס גענומען די תמצית פון רבינ׳ס ספרים, כדי עס זאל זיין גרינג צו פארשטיין פאר אלע וואס זענען שוין ווייט פארקראכן - איז נישט דא קיין גרעסער׳ס פון דעם.

פארבינד זיך מיט ׳מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג׳ און געב זיי איבער דיין נדבה; דאס וועט גיין פאר די ספרים, קונטרסים, גליונות און פאר אלע אופנים ווי אזוי מען קען נאר פארשפרייטן די ריינע אמונה פאר אידישע קינדער.

אין זכות וואס דו פארשפרייטס׳ט די הייליגע דיבורים אויף די וועלט זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## יישר כח פאר'ן מיר מאכן לערנען תורה.

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אלע שיעורים און חיזוק וואס דער ראש ישיבה שליט"א געבט כסדר.

איך בין א בחור פון ארץ ישראל, און איך האב ב"ה זוכה געווען צו ענדיגן צום צווייטן מאל ששה סדרי משנה, און איך האב יעצט געענדיגט צום ערשטן מאל מעביר סדרה צו זיין סדר בראשית שנים מקרא ואחד תרגום. און איך וויל אייך זייער שטארק באדאנקען פאר דעם.

ביטע נישט מפרסם זיין מיין גאנצע נאמען, נאר שלמה

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בא, ג' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד שלמה נרו יאיר.**

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו האסט שוין מסיים געווען צוויי מאל ששה סדרי משנה.

מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון לימוד משניות; מוהרא"ש זאגט: "ווען מענטשן וואלטן ווען געוויסט וואס משניות טוט מיט'ן מענטש וואלטן אלע עוסק געווען אין דעם בהתמדה רבה"; דאס רייניגט דעם מענטש, אזוי ווי דער הייליגער אריז"ל זאגט (עיין באר היטב, אינעם ערשטן סימן אין שולחן ערוך, הלכות השכמת הבוקר, סעיף קטן ו): "וְשִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת קוֹדֶם לְכָל דָּבָר, וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִנְשָׁמָה, כִּי 'מִשְׁנָה' אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה'", ווען מען שטייט אויף אינדערפרי זאל די ערשטע שיעור זיין אין משניות, ווייל דורך משניות איז מען זוכה צו א ריינע נשמה.

משניות וואשט אפ די נשמה פונעם מענטש פון אלע פלעקן; עס איז נישט דא נאך אזא שטארקע טהרה פאר'ן מענטש ווי לימוד משניות, דער גאנצער מענטש ווערט געטוישט צום גוטן, און במשך הזמן באקומט מען א קלאר'ן קאפ.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן כג): "וואויל איז דעם מענטש וואס עסט יעדן טאג פרקים משניות, טרינקט קאפיטלעך תהילים און טוט זיך אן מיט מצוות ומעשים טובים"; איז וואויל איז דיר אז דו פאלגסט דעם רבי'ן און דו לערנסט משניות יעדן טאג, דאס וועט דיר אפוואשן פון אלע זינד און דיר ברענגען צו די גרעסטע מדריגות.
~~~~~~~~~~

אזוי אויך זאלסטו ווייטער לערנען יעדן טאג מקרא - שנים מקרא ואחד תרגום; זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער. דער מחבר פסק'נט (אורח חיים, סימן רפה, סעיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פון זונטאג קען מען שוין אנהייבן מעביר סדרה זיין; און דער משנה ברורה ברענגט אראפ (שם) אז דער גר"א זכר צדיק לברכה, האט זיך אזוי געפירט, יעדן טאג האט ער מעביר סדרה געווען אביסל; זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי און אזוי ווייטער. אז מען גייט אויף דעם וועג, דעמאלט קען מען זיין זיכער אז מען וועט ענדיגן יעדע וואך די פרשה.

אויך זאלסטו צולייגן א שיעור אין גמרא; זאלסט יעדן טאג לערנען לכל הפחות איין בלאט גמרא. אויף מער איז נישט דא קיין שיעור, אבער נישט ווייניגער פון א בלאט. דער חיד"א ברענגט אראפ אין ספר שם הגדולים (מערכת ספרים, אות ת) פון הגאון מוה"ר רבי שעפטל, א זון פון דעם הייליגן של"ה הקדוש זכותו יגן עלינו, אז לימוד גמרא דארף זיין א חיוב פארן מענטש אזוי ווי לייגן תפילין.

אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט – דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די גמרא, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מען דארף נישט פארשטיין דאס לערנען, מען דארף נאר לערנען - זאגן די ווערטער, 'וּמִמֵּילָא יָבִין' און מען וועט שוין סיי ווי פארשטיין; אז מען פאלגט דעם רבי'ן איז מען זוכה אז דער קאפ עפנט זיך אויף און במשך הזמן הייבט מען אן צו פארשטיין. איך האב דאס געזען ביי אסאך בחורים און יונגעלייט וואס האבן געפאלגט דעם רבי'ן בתמימות ופשיטות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

### מעג מען ליינען גוי'אישע ביכער איבער שלום בית?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א פרוי וואס הערט אויס די שיעורים, און איך בין זיך מחיה מיט זיי, ס'האט מיר שוין געלערנט אסאך אין לעבן.

מיט עטליכע יאר צוריק איז ארויסגעקומען א געוויסע בוך פון א גויטע איבער שלום בית, דער בוך איז געווארן זייער שטארק אויפגעכאפט אין די אלגעמיינע וועלט, אבער אויך אסאך היימישע פרויען פון דא אין ניו יארק זענען געווארן זייער באגייסטערט פון די הדרכה פון דעם בוך.
~~~~~~~~~~~

איך האב נישט געוואלט ליינען דעם בוך, פארוואס זאל איך זיך לערנען פון א גוי ווי אזוי צו פירן א אידישע שטוב, א "מקדש מעט". אבער מיינע חבר'טעס רעדן מיר זייער שטארק צו דאס צו קויפן און ליינען, זיי טענה'ען אז "חכמה בגוים תאמין", איך ווייס נישט אויב דאס מיינט טאקע דאס, און איך ווילן וויסן אויף למעשה אויב ס'איז כדאי צו נעמען השקפה פון גוים אויף שלום בית, אויב ס'איז נישט קעגן די תורה.

און אויך וויל איך פארשטיין פארוואס אזויפיל היימישע ערליכע פרויען, וואס וויל בויען ערליכע אידישע שטיבער, ווערן אזוי שטארק צוצועצויגן צו הערן וואס א גוי האט צו זאגן ווי אזוי צו בויען א שטוב.

יישר כח, פון א פרוי וואס וויל בויען אן ערליכע תורה'דיגע שטוב

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת בא, ד׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

זייער גוט טוט איר אז איר ליינט נישט דעם בוך וואס א גוי׳טע האט געשריבן; וואס זאלן מיר טון אז אידישע קינדער זענען אזוי שטארק איינגעזינקען אין גלות, מען לעבט שוין אזויפיל יאר צווישן די אומות העולם וואס דורכדעם כאפט זיך אריין אין אידישע שטובער גוי׳שע דיעות.

עס זענען דא זייער שיינע ספרים אויף שלום בית פון ערליכע אידן; עס איז נישט גוט צו ליינען ביכער וואס גוים שרייבן. מוהרא״ש זכרונו לברכה האט געשריבן וואונדערליכע ספרים אויף שלום בית וואס איז שוין דא היינט אויף אפאר שפראכן. אין לשון הקודש איז דא: ״אוצר שלום בית״, אין אידיש איז דא עטליכע שיינעס ספרים: ״מכבד זיין די ווייב״; ״מכבד זיין דעם מאן״; ״שלום אין שטוב״; ״זיך גט׳ן איז נישט די עצה״; אזוי אויך איז דא אין ענגליש עטליכע ספרים. דאס זאלט איר ליינען, וועט איר וויסן ווי אזוי צו בויען א ערליכע שטוב.

איך בעט אייך זייער איר זאלט בלייבן שטארק מיט אייער ערליכע וועג און איר זאלט נישט אריין נעמען אין שטוב קיין שום בוך וואס קומט פון גוים, און אויך נישט פון אידיש׳ע שרייבער׳ס אן אן הסכמה פון אן ערליכער רב. פונקט אזוי ווי ווען עס קומט אריינצוברענגען עסן און טרינקען וועט איר נישט אריין נעמען אין שטוב נאר א זאך וואס האט א גוטע הכשר, נאך אסאך מער דארף מען אכטונג געבן ביים ליינען, כדי מען זאל נישט ווערן פארכאפט מיט שלעכטע דעות.

בויט אייער שטוב אויף די וועג פון די תורה נישט אויף חבר׳טעס; ווען איר זעט ביי א חבר׳טע א מעגעזין וואס זעט אויס אידיש לויפט דאס נישט קויפן. ווען איר וועלט געוויסט ווער דער שרייבער איז וואלט איר אים דאך נישט אריין גענומען אין שטוב, אזוי אויך זאלט איר נישט אריין נעמען זיינע געשריבענע ארטיקלען.

ווען איר האט אפאר איבעריגע מינוט נעמט דעם ספר תהילים און זאגט אפאר קאפיטלעך תהילים; שמועסט מיטן אייבערשטן און בעט'ס אים: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו האבן א ערליכע אידישע שטוב און קענען מגדל זיין מיינע קינדער און אייניקלעך מיט אמונה און יראת שמים".

אין דעם זכות וואס איר האלט אייער שטוב זויבער און ריין, וועט איר זוכה זיין צו האבן הצלחה אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען א פרוי אפוואשן די נשמה פון שמוציגע פלעקן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געהערט א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א אז ווען א מענטש טוט עבירות, אפילו ער טוט תשובה, בלייבט נאך איבער שלעכטע זאכן אין אים פון די עבירות, אזוי ווי ווען א מענטש הערט אויף רויכערן, בלייבט נאך איבער די סימנים אויף זיינע לונגען. און דער ראש ישיבה שליט"א האט דארט געזאגט אז די איינציגסטע עצה צו ריייניגן די נשמה אינגאנצן איז נאר דורכ'ן לערנען תורה.

איז מיין שאלה וואס קען א פרוי טון אפצואוואשן די פלעקן פון די נשמה? א פרוי לערנט דאך נישט קיין תורה?

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בא, ד' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

מרת ... תחי'.

מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון תשובה; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו:): "רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר: גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה - שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ", תשובה איז אזוי גרויס, אז ווען א מענטש טוט תשובה איז מען מוחל פאר אים און פאר די גאנצע וועלט.

**ווען א מענטש זאגט פארן אייבערשטן: "רבונו של עולם, זיי מיר מוחל אויף מיינע שלעכטע מעשים. זיי מיר מוחל אויף ... וואס איך האב געטון; איך זאג דיר צו אז איך גיי עס מער נישט טון. איך האב עס נישט געטון פון מיין אייגענע ווילן, נאר איך האב אזא גרויסער יצר הרע וואס ברענט אין מיר, און ווארפט מיר אראפ אין עקלדיגע מעשים. טאטע זיסער, האב אויף מיר רחמנות; העלף מיר אז איך זאל נישט טון קיין**
~~~~~~~~~~~

נארישקייטן, העלף מיר אז איך זאל זיין פריילין און נישט נאכלויפן קיין שלעכטע מעשים", איז מען אים מוחל און מען איז מוחל פאר יעדן איינעם.

אזוי זאלט איר רעדן צום אייבערשטן; איר זאלט אים דערציילן אלעס וואס איז אריבער אויף אייך.

מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זיך אויסשמועסן דאס הארץ מיטן אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך; אז עס רעדט זיך בעסער אין אידיש זאל מען רעדן צום אייבערשטן אין אידיש, אז עס רעדט זיך בעסער אין ענגליש זאל מען רעדן אין ענגליש - יעדער איינער אויף זיין שפראך, איז דער אייבערשטער מוחל אויף אלעס.

ווי מער א מענטש רעדט צום אייבערשטן ווערט ביי אים שטערקער זיין אמונה, און איינמאל אז מען האט אמונה איז מען זוכה אז דער אייבערשטער איז מוחל אויף אלע עבירות. אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמונה, סימן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אז מען האט אמונה איז דער אייבערשטער מוחל אויף אלע עבירות.

ביי פרויען איז נישט שייך לימוד התורה, ווייל א פרוי איז פטור פון לערנען תורה, וואס איז יא שייך ביי פרויען? אויפציען ערליכע דורות. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה פרעגן (ברכות יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין?" די פרויען לערנען דאך נישט קיין תורה, אויף וואס גייען זיי באקומען שכר? ענטפערט די גמרא: "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא, וּבְאַתְנוּיֵי גַּבְרַיְיהוּ בֵּי רַבָּנָן, וְנָטְרָין לְגַבְרַיְיהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", מיט דעם וואס זיי טראגן די קינדער אין חדר און מיט דעם וואס זיי ווארטן אפ זייערע מענער ווען זיי קומען אהיים פון לערנען די הייליגע תורה אויף דעם וועלן זיי באקומען שכר; א פרוי וואס ציט אויף אירע קינדער לתורה ולמעשים טובים איז דאס אזוי ווי זי אליינס לערנט און דאס איז איר זכות.

דערפאר, אז איר ווילט פארעכטן אייערע מעשים, זאלט איר מחנך זיין אייערע קינדער לתורה ולמעשים טובים.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס מיינט די ווערטער, "איך האב אויסגעפירט, און איך וועל אויספירן"?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

יישר כח פאר'ן דורכברעכן דאס חתונה מאכן פאר ביליג, און מאכן אזא הערליכע חתונה פאר אזוי ביליג. הלואי זאלן מיר זיך אויך אפלערנען און חתונה מאכן אזוי.

איך האב נאר געוואלט וויסן וואס איז דער פשט פון די ווערטער וואס זענען אויפגעשריבן אויף די חופה, "איך האב אויסגעפירט, און איך וועל אויספירן", וואס דארף דאס צו מיינען?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת בא, ד׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

״איך האב אויסגעפירט און איך וועל אויספירן״ איז א ווארט פון הייליגן רבי׳ן.

רבי נתן זכרונו לברכה ברענגט דעם דיבור און דעם סיפור ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען (חיי מוהר״ן, סימן רכט): ״איך האב געפרעגט דעם רבי׳ן: ׳וואס וועט זיין מיט אלע דיבורים וואס מיר האבן געהערט פון רבי׳ן וכו׳?׳ ווייל עס האט אויסגעזען פון רבינ׳ס ווערטער אז ער וועט בלייבן לעבן און אויספירן אלעס וואס ער האט געוואלט בחייו וכו׳, האט זיך דער רבי אנגערופן צום עולם וואס זענען געשטאנען דארט: ׳עטץ הערטס וואס רבי נתן פרעגט?׳ - און רופט זיך אן - ׳האב איך דען נישט אויסגעפירט? איך האב אויסגעפירט און וועל אויספירן׳״.

מען זעט טאקע ממש בחוש ווי דער רבי פירט אויס; צוביסלעך גייען אריין זיינע הייליגע דיבורים אין די וועלט; מען רעדט שוין היינט איבעראל פון התבודדות און עס הייבט שוין צוביסלעך אויך אן אריין צו גיין אין די וועלט דעם רבינ׳ס ׳סדר דרך הלימוד׳; מען זעט שוין ביי אלע מקומות און ביי אלע חסידות׳ן ווי בחורים און יונגעלייט זאגן משניות און דפים גמרא; דאס איז וואס דער רבי וויל - אז אלע אידן זאלן לערנען און דאווענען.

נאך אביסל וועט אויך אנהייבן אריין גיין אין די וועלט דעם ענין פון חתונה מאכן יונג די קינדער, אזוי ווי דער רבי האט געוואלט; עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט שוין מוזן אננעמען די עצה פון חתונה מאכן יונג. ווער עס וועט נישט וועלן פארלירן די קינדער וועט זיי חתונה מאכן יונג, ווען מען איז נאך ריין און ערליך.

געלויבט דעם אייבערשטן אז תלמידי היכל הקודש פאלגן דעם רבי׳ן און מאכן חתונה די קינדער יונגערהייט; דו שרייבסט אז דו האסט מיט געהאלטן די חתונה אין ישיבה, האסטו דאך געזען ווי דער רבי פירט אויס. מען מאכט חתונה די קינדער יונג

ווען זיי זענען נאך ריין און הייליג, איז דאס דאך ממש וואס דער רבי האט געזאגט: ״נִצַּחְתִּי וְאֲנַצֵּחַ״.

דער הייליגער רבי איז אמאל געפארן אונטערוועגנס, אינמיטן וועג זענען אריבער געפארן אסאך זעלנער פון די קאזאקן, האט דער רבי אנגעהויבן צו שמועסן איבער רוסלאנד און די רוסן, וואס עס וועט זיך טון זיי ביז משיח וועט קומען, און וואס עס וועט זיין מיט זיי פון נאך ביאת המשיח ביז תחיית המתים. רבי נתן און רבי נפתלי זענען דעמאלט מיטגעפארן אינעם וואגן, אויך איז דעם רבינ׳ס איידעם ר׳ יוסקא דארט געוועזן, ער איז געזיצן נעבן רבי׳ן, אויסער דעם זענען געוועזן אינעם וואגן נאך צוויי מענטשן - אנשי שלומינו - פון טעפליק; אלע האבן געקוקט דעם רבי׳ן אין פנים בשעת דער רבי האט דערציילט וואס עס וועט זיין דער סדר פון ביאת המשיח. נאכדעם האט רבי נתן געוואלט איבער שמועסן מיט ר׳ יוסקא האט ער געזען אז ער ווייסט נישט גארנישט פונעם גאנצן שמועס, אויך ווען רבי נפתלי האט געוואלט איבערגיין מיט די צוויי מענטשן פון טעפליק דעם שמועס האט ער אויך געזען אז זיי ווייסן נישט פון וואס מען רעדט, דעמאלט האט רבי נתן און רבי נפתלי פארשטאנען אז דער רבי וויל אז קיינער זאל נישט וויסן פון דעם גאנצען שמועס. (דאס אליינס איז גאר א וואונדערליכע זאך, ווי עס קען זיין אזא זאך אז עס זיצן מענטשן צוזאמען מיטן רבי׳ן, דער רבי רעדט און קיינער הערט גאר נישט נאר רבי נתן און רבי נפתלי; רבי נתן האט אלעס אפגעשריבן מיט ראשי תיבות, און דאס איז דער ספר ״מגילת סתרים״).

אמאל האט מען שטארק צוגעדרוקט רבי נפתלי ער זאל דערציילן עפעס פון ספר ״מגילת סתרים״ האט ער געזאגט: ״איך טאר גארנישט אנטפלעקן - אזוי האט מיר דער רבי אנגעזאגט - אבער איין זאך קען איך אייך זאגן, ווען די וועלט וועט אננעמען דעם רבינ׳ס ספרים קען מען זיך גרייטן אויף משיח״ (עיין בספר פעולת הצדיק סימן תרח, וסימן תתלו בהערה צ).

יעצט אז מען זעט שוין ווי דער וועלט נעמט אן דעם רבינ׳ס ספרים מער און מער, דארף מען זיך גיין גרייטן אויף משיח צדקינו שיבא במהרה בימינו.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~